STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 05202

# DER GRINER POPUGAY

Der Tunkeler

*Permanent preservation of this book was made possible by Robin Meadow & Susan North*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער טונקעלער.

# דער גרינער פּאפּוגאי

א זאמלונג פון

מאנאלאגען

סאטירען

און פּאראדיען

ווארשא.

געזעצט ביי א. י. האלטער, נאוואליפּיע 29

ГРИНЕРЪ ПОПУГАЙ.

Печ. въ тип. Бр. Левинъ-Эпштейнъ, Павья 38.
ВАРШАВА. 1914 г.

# אינהאלט:

## מאָנאָלאָגען.


אַ גט אָדער „די סענאַטסקע רעשעניע" . . . 3
אין פאָטאָגראַפיע: 1) ביים אַדוואָקאַט . . . 11
2) ביים דאָקטאָר . . . 16
פּעטש ... . . . . . . 20
מאַלינגעם . . . . . 25
נחת פון אַ זוהן . . . . 33
אַנ'אַלטער בעל-תפלה . . . . 36


## פּאָעזיע און גראַמען.


משא טעאַטער. נאָך ביאַליק . . . 41
די פּרעסע און דער זשורנאַליסט . . . 46
אַ בריעף פון דאַטשע. נאָך פרוג'ן . . . 49
דער פּאָעט . . . . . 52
נאַטור . . . . . . 54
דער מאָדערנער נביא און דער גראַם . . . 56


## פּאַראָדיען.


מעשי בראשית. נאָך שניאור . . . 58
מאָמענט-פאָטאָגראַפיעס. נאָך מ. ספּעקטאָר . . 61
הייאַוואַטהאַ . . . . . 64
אינטערוויו. פון ראובן בריינין . . . 66


## וויסענשאַפטליכעס.


ציבעלע. נאָך ב. פיינענבוים . . . 69
דאָס געלעכטער. פון ד"ר מוקדוני . . . 71

# מאנאלאגען.

## אגט אדער די „סענאטסקע רעשעניע".

(דערצעהלט פון א סמאלענסקער יודען).

איך בין איצט געקומען צו אייך פרעגען אנ׳עצה מכח א גט... איהר וואונדערט זיך, גאספאדין אדוואקאט: איך, אנ׳אלטער יוד, רעד וועגען א גט. — זאלט איהר זיך גארנישט וואונדערן, ווארום דער גט איז טאקע ניט פאר מיר און ניט פאר מיין אלטע, זאל לעבען. מיר וועלען שוין אונזער ביסעל יאהרען ווי עס איז אבשטופען. דא האנדעלט זיך גאר וועגען א גט פאר מיין טאכטער. איך האב, פערשטעהט איהר מיך, א טאכטער, א מיידעל פון א יאהר... וואס? איהר וואונדערט זיך, ווי קומט א מיידעל צו א גט? — טא זייט־זשע מוחל, גאספאדין אדוואקאט, הארט אוים נאר איין רגע׳לע, איין מינוטקעלע און עס וועט אייך אלץ קלאר ווערען, קלאר, ווי דער ליכטיגער טאג, איך וועל אייך ניט לאנג מאריך זיין, ווייל איך האב בעצם פיינט מאריך צו זיין. עס ליגט ניט אין מיין נאטור מאריך צו זיין. ביי מיר, האב איך ליעב א זאך צו דערצעהלען קורץ און שארף און א מעשה מיט אנ׳עק זאל עס נעהמען.

איז וואו האלטען מיר, הייסט דאס? — ביי מיין טאכטער. איך האב א טאכטער האב איך, א מיידעל פון א יאהר... צו־וואס זאל איך אייך פערלייקענען איהרע יאהרען, איהר דארפט דאך מיט איהר ניט חתונה האבען. און טאמער וועט זיך מאכען א שידוך, וועט איהר דאך אויך ניט קומען קאלי מאכען. על כל פנים צו־וואס זאלען מיר זיך נארען — א מיידעל טאקע אין די יאהרען. דערפאר אבער א גראטענע מיידעל, א געשטודירטע און א אינטעליגענטקע. געקאנטשעט גימנאזיע מיט א גאלדענעם מעדאל. הכלל, א וואוילע מיידעל. האבען מיר, פערשטעהט זיך, געזוכט פאר איהר שידוכים,

איז איהר אָבער קיינער ניט לויטער געווען אין די אויגען. עפּיס פלעגט זיך אין זיי, אין די חתנים, הייסט דאס, אויסגעפינען אַזעלכע חסרונות, וואס ניט מיר און ניט אונזער אָבות אַבותינו האָבען זיך אויף אַזעלכע חסרונות פערשטאַנען. איינער, למשל, איז פאַר איהר ניט „אינטערעסנע”. אַ צווייטער איז אַ סקוטשנער. אַ דריטער האָט ניט קיין „אובעזשדעניעס”. אַ פערטער קאָן ניט „ראַסוזשדאַיען”. אַ פינפטער מאַכט אַ שלעכטע „וופעטשאַטלעניע”. און גאָר טרעף, וואס איז דאס פאַר אַ חסרונות אַזעלכע, וואס צוליעב זיי איז כדאי צו פערזעסען ווערען ביז'ן גרויען צאָפּ אַריין. און טאָמער מאַכט זיך שוין יאָ איינער מיט אַלע מעלות,— האָט ער קיין „פראַוואָזשיטעלסטוואָ” ניט. ווילען זיי, הייסט דאס, נעבען מיר שוין ניט קאָנען זיין, ווייל עס איז דאָך אַ בפירוש'ע „סענאַטסקע רעשעניע”, אַז דער זכר, דער מאַן, הייסט דאס, טאָר ניט וואוינען חוץ לתחום אויף די פראַוועס פון דאס ווייב. מאַכט זיך אונז אַ דאַנטיסט, אַ חתן שוין מיט פראַוועס,— האָט ער ניט קיין קאַבינעט. און אָהן אַ קאַבינעט, איז פאַרהאַן ווידער אַ מאָל „אַ סענאַטסקע רעשעניע”, אַז אַ דאַנטיסט, וואס פערנעהמט זיך ניט מיט זיין מלאכה, מוז אַרויסגעשיקט ווערען. און אויסגעבען די טאָכטער פון זיך ווילט זיך עפּיס אויך ניט, פאָרט אַן'איינציגע טאָכטער; פאַרהאַן דען מעהר קינדער ביי מיר?

ויהי היום, אַז מיר זענען שוין גוט אויסגעשטאַנען פון די שידוכים, מיט די שדכנים, מיט בעגעגענישען, זעהענישען, צונויפפיהרענישען און אָבלאָזענישען, גיט זי מיר מיין טאָכטער אַ זאָג: טאַטע, זאָגט זי, דו ווייסט וואס? פון די שידוכים איז שוין ביי מיר קיין הארץ ניטאָ. און אַזוי זיצען איז קיין תכלית ניט, שוין גענוג צו זיצען אויף לאַסקאַוועז ברויט. אַ מעהר גיב מיר אַוועק די עטליכע רובל נדן, וועל איך פאָהרען, וועל איך זעהן אָנקומען ערגיץ אויף קורסען, צי אַקושערסטווע, צי ציינ־דאָקטעריי. וועל איך, זאָגט זי, קומען צו אַ ציעל, און דאַן, וועט זיך מאַכען אַ שידוך, איז מה טוב, אלא—ניט, בין איך מיר אַ מענש אַ „סאַמאָסטאָיאַטעלנער”... אַזוי זאָגט זי צו מיר מיין טאָכטער. און ביי מיר, הערט איהר, איז די זאַך גאָרניט געווען אָבגעפרעגט. לויף איך אין באַנק און נעהם אַרויס דאס ביסעל נדן און צעהל איהר אָב איינס אין איינס

זעקס הונדערטער במזומנים, און ריכט זי אויס אין א גוטער שעה, אין א מזל'דיגער שעה, וואוהין מיינט איהר? — טאקע אין סאמע חארקאוו אריין.

געקומען קיין חארקאוו... וויל זי דאך, מסתמא, אריינגעהן אין די קורסען, זאגט מען איהר: לא, דאס ניט. ניט, חס ושלום, ווייל זי איז ניט גוט אויסגעשטודירט, אדער עס פעהלט איהר עפים צו די „נאאוקעס”, חס וחלילה. אדרבה, אויסגעהאלטען דעם עקזאמען לעילא ולעילא. וואס דען? עס פעהלען איהר פראוועס, מיינע פראוועס טויגען איהר דארטען ניט. על כל פנים פראשעניעס אהין, פראשעניעס אהער, זוכט, פארעט, טאמער אולי ירחם — ניין, ניטא קיין פראוועס.

לאזען מיר איבער, ווי מען דערצעהלט אין די מעשיות, די בת מלכה, מיין טאכטער, הייסט עס, און וועל אייך דערצעהלען פון א בן-מלך: ניט וויט פון חארקאוו איז פארהאן א קליין שטעדטיל ציררע-באמירע... הא? איהר פרעגט, וואס האט דאס פאר א שייכות צום גט? וועט איהר באלד זעהן, אז עס האט יא א שייכות. איך וועל אייך ניט לאנג מאריך זיין. ווייל איך האב בעצם פיינט מאריך צו זיין. עס איז ניט אין מיין נאטור מאריך צו זיין...

איז וואו האלטען מיר, הייסט דאס? ביי ציררע-באמירע. פארהאן א שטעדטיל, הייסט זי ציררע-באמירע. טאקע חארקאווער גובערניע. אין דעם דאזיגען שטעדטיל וואוינט א יוד א גרויש מיט'ן נאמען בערציק פאמפוש. אט דער דאזיגער בערציק פאמפוש איז געווען אמאל מיינער א שותף, ווען איך האב נאך געהאנדעלט מיט זשוראווינעס. א שווערער מענש, אנ'איינגעגעסענע בריאה, איז אט דער בערציק פאמפוש און קארג איז ער, ווי איך ווייס אליין ניט וואס. פאר א קאפיקע וועט ער זיך הענגען. זענען מיר, פערשטעהט זיך, זיך פונאנדערגעגאנגען, געווארען אויס שותפים. חס ושלום, ניט געקריגט זיך. ער טענה'ט אפילו, אז איך האב ביי איהם פערנומען דריי הונדערט רובל. נאר, אזוי פיעל שמיץ גיט מען איהם, וויפיעל רובל ער איז מיר שולדיג געבליבען. נאר גוטע פריינד זענען מיר דאך פונדעסטוועגען געבליבען. פערוואדפען זיך אפט איינס דעם אנדערען מיט א ברייוועל וועגען מסחר, דאס, יענץ.

ויהי היום דערהער איך, אז מיין טאַלטער איז אוועק קיין ציררע־באמירע און האט חתונה געהאט אט מיט דעם בערציק פאמפוש. לכתחילה איז די מעשה מיר א ביסעל פריקרע געוועז. ווי קומט דאס מיין טאלטער זאל חתונה האבען פאר בערציק פאמפוש. אז מיינע איז גאר טע־ט־טע, די אויבערשטע פון שטייסעל און ער איז, זאל ער מיר מוחל זיין, אנ'עט, ווייס איך, א נידעריגע בריאה. און טיעף אין הארצען טהוט מיר א ביסעל הנאה: ברוך שפטרני. חתונה געמאכט א טאלטער. אז איהר איז ליעב, איז מיר ניחא. וואס אבער לאזט זיך אוים? אז די גאנצע מעשה איז גאר א פערשטעלטע מעשה, און די גאנצע חתונה איז גאר ניט קיין חתונה. וואס דען איז עס? א „פיקטיינער בראק". דאס הייסט: א חתונה איז דאס, נאר אויף צו כלומר'שט. פאר פופציג רובל, הייסט דאס, האט אט דער בערציק פאמפוש חתונה געהאט מיט מיין טאלטער, בכדי מיין טאלטער זאל קאנען נהנה זיין פון זיינע פראוועס און קאנען זיצען אין חארקאוו אויף די קורסען.

אבגעפראוועט די כלומר'שדיגע חתונה אין ציררע־באמירע פאהרט מיין טאלטער קיין חארקאוו און געהט גלייך אין קלאס, וואו מען לערנט זיך אויף די קורסען, און ווייזט די אלע פאפירען: אזוי און אזוי; זי איז שוין כשר וישר, ווייל עס איז דאך א בפירוש'ע סענאטסקע רעשעניע, אז אויב ער, דער „מוזטשינע", האט פראוועס, האט די „זשענשטשינע", זיין ווייב, הייסט דאס, אויך פראוועס. נאר באשר בכן, עס איז דא נאך א סענאטסקע רעשעניע, אז אויב די ווייב וויל געניסען פון מאנס פראוועס, מוז זי וואוינען מיט איהם צוזאמען. איז זיך מיין טאלטער ניט פויל און שרייבט אוים איהר בערציקע פאמפוש אויף איהרע הוצאות גלייך קיין חארקאוו אריין.

אנגעפאהרען בערציק פאמפוש קיין חארקאוו — איז מען זיי ביידען משלח, אי מיין טאלטער, אי דעם בעל־דבר פון די פראוועס אליין. באשר בכן, עס איז דא ערגיץ אנ'אלטע סענאטסקע רעשעניע, אז זיינע פראוועס גילטען נאר פאר זיין שטעדטיל ציררע־באמירע, העכסטענס פאר זיין אויעזד, אבער אין דער גובערניע — איז לא מיט א לאנגע „ך".

דערהערט פון אזעלכע ספעקולאציעס און קאבדרעהעניש,

קלאַפּ איך איהר אַ דעפּעש, אַז זי זאָל למ"ה תיכף ומיד קומען אַהיים, קיין סמאָלענסק, הייסט דאָס, און אַ סוף צו די סענאַטסקע רעשעניעס מיט אַלע איבעריגע משולחת'ן. מילא, געקומען. אַ שמחה. אַ גאַסט. נאָך ניט צייט געהאַט אָבגעבען איהר שלום־עליכם; אָנקוקען זיך אויף איהר; אויספרעגען, וואָס זי מאַכט נאָך אַזאַ לאַנגען חבוט־הקבר, נע־ונד'עניש, וואַלגערניש ערגיץ און אויסרייסעניש, — ערשט, ויבוא המן — דער פּריסטאַוו איז דאָ. וואָס איז? — באשר, בכן, ס'איז דאָ אַ סענאַטסקע רעשעניע: היות, ווי מיין טאָכטער איז דאָך שוין אַנ'אויסגעגעבענע טאָכטער (אַ גדולה דער באָבען!), האָט זי דאָך אַ מאַן. געהט זי אַריין אין דעם רשות פון דעם מאַן און לעבט אויף די פּראַוועס פון איהר מאַן, און האָט מיט די עלטערן כלל וכלל ניט צו טהון, און אויב די עלטערן האָבען נאָך אַ שטיקעל „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ", האָט זי עס לגמרי פערלאָרען. לכן? לכן וויל ער, דער פּריסטאַוו, הייסט עס, אַז מיין טאָכטער זאָל פערקעהרען די „האַלאָבליעס" און אָבטראָגען זיך מיט גוטען צו איהר בעשערטען קיין ציריע־באַמירע, אויב ניט, וועט מען זי מחילה משלח זיין מיט'ן „עטאַפּנעם פּאָריאַדקאָם".

כ'מיין, קיין לאַנגע מחזקות קאָן מען דאָ ניט מאַכען. איך אַליין מיט מיינע פּראַוועס האַלט זיך קוים אויף אַ האָהר. פערשטעהט זיך, אַז נאָך אין יענעם מעת־לעת האָב איך זי אויסגעריכט צוריק אין ציריע־באַמירע צו בעריציק פּאַמפּוש.

געה איך אַרום אָהן אַ קאָפּ. עס פּלאַצט מיר דער מוח: גוואַלד, וואָס טהוט מען! ווי ראַטעוועט מען מיין איין־איינציגע טאָכטער פון כף־הקלע! גאָט די נשמה שולדיג. אַנ'איין־איינציגע קינד און פערשיקט ערגיץ אין אויסרייסעניש. עלענד; פרעמד; נאָך ערגער ווי אין סיביר. און ווער ווייסט ווען וועט דאָס נעהמען אַ סוף צו די צרות... פאַל איך אויף אַנ'עצה: גט'ן זיך. גט'ן זיך מיט דעם בעריציק פּאַמפּוש... און דאָ הויבט זיך ערשט אָן די רעכטע חתונה. ס'איז גרינג צו זאָגען: נעהמען גט ביי בעריציק פּאַמפּוש די איינגעגעסענע בריאה.

על כל פּנים, מען מוז אַליין בכבודי ובעצמי מאַכען די נסיעה קיין ציריע־באַמירע. זאָל ער אַזוי לעבען, דער בעריציק פּאַמפּוש, ווי איך האָב גאָר צייט צו פאָהרען, אויב איך קאָן

גאָר אָבּרײַסען זיך פֿון שטוב אַפֿילו אויף אַ טאָג. אַז סך־הכּל, ווי איהר ווייסט, האָב איך קײן איבּעריגע קינדער ניט, און איבּערלאָזען די גאַנצע שטוב אויף מײַן אַלטע, איז, פּשוט, אַ צער־בּעלי־חיים. נאָר — אַ בּרירה האָב איך. מען קאָן דאָך ניט איבּערלאָזען אַ קינד פֿערפֿאַלען ווערען און חושכ'ן אין כּף־הקלע אויפ'ן דעק. קום איך אין ציררע־בּאַמירע, שוואַרץ דעם פּנים און הויב אָן עסק'ן מכּח אַ גט. ערשט כּך־הוה: מײַן פֿויגעל איז אַ בּעלן צו בּעטען צוויי הונדערט קאַרבּען, ניט ווייניגער אַ פּרוטה. אַ קיצור, וואָס זאָל איך אײַך דאָ מאריך זײַן, אַז איך האָב בּעצם פֿײַנט מאריך זײַן. עס ליעגט ניט אין מײַן נאַטור מאריך צו זײַן.

הכּלל, איז וואו האַלטען מיר? יאָ, האָט זיך דאָס אָנגעהויבּען אַ רײַדעניש, אַ לויפֿעניש, אַ בּאָטעניש, אַ דינגעניש, געזעצט מענשען, בּוררים, דינים, רבּנים. אַ דאַנק גאָט, ווי עס איז דורכגעקומען: אַ העלפֿט. הונדערט קאַרבּען, הייסט דאָס. אָבּגעצאָהלט דעם הונדערטער, אַרויסגענומען דעם גט, חאַפּ איך מײַן טאָכטער — מײדעל — ווײַבּעל — גרושה און מאַרש אַהיים, אַהיים, אַהיים!...

אַ שמחה, אַ גדולה. אויסגעלייזט געוואָרען פֿון תּפיסה. אַן'אמת'ער תּחית־המתים. על כּל פּנים, מײַן טאָכטער האָט זיך ערשט אָבּגעלעבּט, געקומען צו זיך אַ בּיסעל. גאָר גוט. האָבּען מיר דאָך אָבּער אַ סענאַט, וואָס זיצט און שרײַבּט „סענאַטסקע רעשעניעס“ פֿון אונזערט וועגען, — לאָזט ער אַרויס אַ שפּאָגעל נײַע „סענאַטסקע רעשעניע“ כּהאי לישנא: אַ נקבה, וואָס לעבּט אויף דעם מאַנס פּראַוועס, איז חאָטש זי האָט זיך מיט'ן מאַן שוין געגט, בּלײַבּט זי ווײַטער לעבּען אויף די זעלבּע פּראַוועס... דאַכט זיך גאָר פֿײַן? וואָס אָבּער לאָזט זיך אויס פֿאַר אונז? פֿאַר מיר און מײַן טאָכטער? — אַ שחיטה! מײַן טאָכטער בּלײַבּט צוריק בּײַ די פּראַוועס פֿון איהר געגט'ן בּערציק פּאַמפּוש. און חאָטש דער גט האָט אונז אָבּגעקאָסט בּלוט און אײַטער — איז דאָס אַלץ אַרויסגעוואָרפֿען. און חדש ימינו כּקדם — נעהם צוריק דעם קלומיק, טאָכטער, און הײַדאַ צוריק קײַן ציררע־בּאַמירע צו דײַן געגט'ן בּערציק פּאַמפּוש.

דברים בּטלים. איך וועל דאָך זי צוריק קײַן ציררע־

באַמירע ניט לאָזען. עס מעג מיר אָבקאָסטען מי יודע וויפיעל. זי איז דאָך עפּיס מײַנע אַנ'אײנציגע טאָכטער און איך בין דאָך איהר לײַבליכער טאַטע, וואָס, ניט? דאַרף מען ווײַטער זוכען אַנ'עצה. און אַנ'עצה איז פאַרהאַן. דהיינו: נאָכאַמאָל חתונה האָבען און דוקא מיט נאָך אײנעם און דוקא וואָס האָט פּראַוועס און דוקא אין סמאָלענסק גופא, נעבען מיר, הײסט עס...

פערשטעהט זיך, אַז פון אַנ'אמת'ן שידוך איז ניטאָ איצט וואָס צו רײדען. מײַן טאָכטער איז שוין אַ ביסעל אָבגעבליאַקעוועט. דער נדן איז שוין אויך כמעט ווי צופלאָכטען, בלײַבט ווידער חתונה האָבען אויף צו'כלומר'שט, ווײַטער אַ „פיקטיווונעס בראַק", הײסט דאָס. און מיט וועמען? וועט איהר הערען.

איהר קענט דאָך, מסתמא, בײַ אונז אין סמאָלענסק דעם אַלטען יאָזשע מלאך-הדומה, דעם אויפזעהער אין באָגאַדעלניע? נײן? אָט דער הויכער מיט די אויסגעקראָכענע וואָנסעס, מײַנער אַ שטיקעל בעקאַנטער. אַ יוד אַנ'אַלמן שוין אַ יאָהר פופצעהן. אײן מאָל אין מנין, שטעה איך און דאַווען, פאַלט מיר אײַן, אַז אָט דער יאָזשע מלאך-דומה וואָלט געווען דער גלײַכער זיווג פאַר מײַן טאָכטער. מאַך איך מיט איהם גלײַך אַ שמועס אַזוי און אַזוי — עס געהט! שטעלען מיר אָב אַ חופּה. אַ פאַלשע חופּה, פערשטעהט זיך, און דער חתן קעהרט אַרײַן אַ גוטע ביסעל משקה. מזל-טוב! מזל-טוב! אַ גליק האָט מיר געטראָפען! שוין צווײ מאָל אויסגעגעבען אַ טאָכטער; דעם נדן באַלד צוטרענצעלט און קײן טאָלק איז אַלץ ניטאָ. צווײ אײדעמס האָב איך און מײַן טאָכטער בלײַבט זיצען אַ מויד בײַם טאַטען אויפ'ן האַלז. נאָר כ'מײן, אַלץ בעסער, ווי מײַן טאָכטער זאָל זיך וואַלגערן ערגיץ אין דער פרעמד, אין ציריך-באַמירע, איצט וועט זי חאָטש זיצען אין איהר אײגענע שטאָדט, נעבען איהרע עלטערן, און ווײַטער — וואָס גאָט וועט געבען, דאָס וועט זײַן.

און דאָ ערשט הויבט זיך אָן אַ נײַער פּעקיל צרות. דער מלאך-הדומה איז צוגעשטאַנען צו אונז און גראָבט און שלעפט און נאָגט און זויגט הײַנט געלד, מאָרגען בראָנפען און איז אַ גאַנצער מחותן געוואָרען בײַ אונז אין שטוב, אַ פּאַני-בראַט געוואָרען מיט מײַן טאָכטער; אַז מיר דערזעהען איהם, דעם רוצח,

ווערט אונז דאָס בלוט פֿערקיהלט, איצט, גאָספּאָדין אַדוואָקאַט, פֿרעגט זיך וואָס טהוט מען?

האַ? וואָס זאָגט איהר? גט'ן זיך? געוויס! ווייסט איהר אָבער, אַ שטייגער, וויפֿיעל אַזאַ באַנדיט קאָן נאָך אַ בעט טהון פֿאַר'ן גט? אָבגילטען וועלען מיר איהם דאַרפֿען. בדיל־הדל ווערען דורך איהם. נעהמען אַטאָרבע און, שונאי ציון, איבער די היַיזער אַוועקגעהן...

ווי? קיין געלד ניט געבען, זאָגט איהר? ניט לאָזען זיך? — איז ווייטער שלעכט. נעהמט ער, זאָגט ער, זיין פּעקיל און פֿאָהרט אַוועק וואו די אויגען וועלען איהם טראָגען. ער וועט, זאָגט ער, זיין שטעדטיל אומעטום בעשטעהן, די פּראַוועס איז ביַי איהם... זאָל ער פֿאָהרען, זאָגט איהר? הערסטו, איז דאָך פֿאַרהאַן אַ סענאַטסקע רעשעניע: אַ וויַיב, וואָס וואוינט אויף דעם מאַנס פּראַוועס, מוז זיך געפֿינען שטענדיג נעבען איהם און וואוהין ער פֿאָהרט, מוז זי מיטפֿאָהרען. ווי אין פּסוק שטעהט: באשר תלך — אלך... און וואָס וועל איך דעמאָלט אויספֿיהרען? איז ניט אין צירע־באַכירע, וועט זי, מיין טאָכטער, דאַרפֿען פֿאָהרען ערגיץ אין אַנ'אַנדער האָצע־פּלאָץ; איז ניט מיט יענעם שלים־מזל — בערציק פּאַמפּוש, איז מיט אַנ'אַנדער שלאַק, יאָזשע מלאך־הדומה... הערט איהר, גאָספּאָדין אַדוואָקאַט, איך האָב שוין דעם קאָפּ פֿערלוירען. צייטענווייז פֿערגעהט מיר אַזוי וויַיט, אַז איך וואָלט, דאַכט זיך, פֿערזעצט אַלץ, ביז אַ שניַרעל, אַבי מאַכען אַנ'עק צו די צרות!... איז אָבער די קשיא: וואָס פֿערזעצט מען? די מאַיאָנטקעס מיינע? צי די פּאָדריאַדען מיינע די גרויסע? עס איז מיר געקומען, הערט איהר, פֿון בריק אין וואַסער. ס'איז אַזוי שלעכט און אַזוי שלעכט. נו, זייט מיר געזונד, גאָספּאָדין אַדוואָקאַט, איך זעה, איהר זענט היינט עפּיס ניט גוט אויפֿגעלעגט צו האָבען מיט מיר דעם ריכטיגען ישוב־הדעת... איהר זענט עפּיס ניט מיט אַלעמען... איה"ש, אַנ'אַנדערם מאָל וועל איך אַריינקומען, אַנ'אַנדערם מאָל...

# אין פאטאגראפיע.

## I.

### ביי'ם אדוואקאט.

איך האב איהם דעם קאפ צושפאלטען, דעם מוח געפלעט, די מאשינע צובראכען, געווים. ווער קען דאס לייקענען? נאר אז איך הויב מיך אן צו דערמאהנען אויף דער גאנצער מעשה, ווי אזוי דאס איז געווען, — מיין איך, אז דאס איז א חלום; ווארום ווי קום איך גאר אויפצוהויבען א האנד אויף יענעם, אז איך טשעפע גאר נישט קיין פליעג אויפ'ן וואנד. און אז איך דערזעה בלוט, ווער איך א פערציטערטער. ווי זשע איז דאס פארט געשעהן, פרעגט איהר, אסור אויב איך ווייס. א בייזע שעה איז דאס געווען, א פער־זעהעניש, א פערבלענדעניש אדער א קליפה ר״ל האט זיך אין מיר אריינגעחאפט, נישט אנדערש. אז איך ווייס גאר נישט, פאני אד־וואקאט, וואס איך זאל טענה'ן אין סוד און מיט וואס איהר קענט מיך פערענטפערן. אדרבה, לאמיר זיך גוט אריינטראכטען אין דעם ענין, ווי אזוי איז דאס פארגעקומען, טאמער וועט איהר פארט געפינען אויף מיר א שטיקעל זכות. איך ווייס? איהר זענט דאך אויף דעם א אדוואקאט! טא הערט מיך טאקי אויס. איך וועל אייך אויסדערצעהלען אלץ „פאדראבנע".

געשעהן איז עס, ווי איהר ווייסט שוין, אום הייניגען חול־המועד פסח. נו א פסח! אז עס איז בעשערט א פערשטערעניש, איז דאך נישט שייך. טאמער וואלט איך אום יום־טוב זיך אביסעל אויסגערוהט. ווארום, עס פאסט צו זאגען, א גאנץ יאהר איז מען דאך ווי דער רשע אין גיהינום, פערהאוועט, צוטראגען. מען ווארט אויף דעם יום־טוב ווי א גוטער איד אויף משיח'ן. היינט ביז וואנען מען טראגט איהם דעם פסח אין שטוב אריין, ווערט מען דאך גוט

פערשווארצט און אויסגעריכטן. האפט מען, ווארט מען: דער יום-טוב וועט קומען, וועט מען די ביינער צונויפקלייבן. צו-זיך קומען, דעם אטהעם אבכאפען... און וואס טהוט גאט? בעשאפט ער א פאטאגראפיע מיט א פאטאגראפטשיק, מיט ספאקטיוועס, מיט קארטעס, מיט מאשינעס, מיט פאטרעטשיקעס און מיט די אלע איבעריגע אנשיקעניסען... וועט איהר דאך פרעגען: וואס האט דאס מיט מיר צו טהון? האב איך אבער א ווייב, זאל געזונד זיין, מיט טעכטער, מיט א זוהן אין אמעריקא, וואס שיקט מיר אלע מאנטאג און דאנערשטאג זיינע קארטעס, אדער ווי ער רופט דאס דארטען אין אמעריקא—פיקטשעס, און וויל נישט אנדערש אז איך זאל איהם אויך למ"ה מיינס א פיקטשע שיקען; איז טהוען זיי אלע און טאטשען מיר און גריזשען און טרענען מיר די אדערן, איין מאל פאר אלע מאל, איך זאל געהן צום פאטאגראפטשיק און ארא‌בנעהמען זיך אויף א קארטע.

מילא, פון פרומקייט איז דאך שוין אבגערעדט. ווער קוקט היינט אויף דעם? אמאל, געוועהנליך, איז אבפאטאגראפירען זיך געוועזן ווי האלב גע'שמד'ט, נאך ערגער ווי גע'שמד'ט. און אזא יאהר מיר, ווי זיי זענען געוועזן גערעכט, ווארום זיי האבען גאנץ גוט געוואוסט, אז קיין גוטס וועט דערפון נישט ארויס. והראיה, איהר זעהט דאך, דארף איך איצט האבען צו טהון מיט אדוואקאטען, סוד'ען און משפט'ען זיך און פערשווארצט ווערען און ווער ווייס צי איך וועל אין אסטראג נישט זיצען, מעהר פאסט מיר שוין גארנישט צו די עלטערע יאהרען, — און אלץ איבער דער פערשאלטענער פאטאגראפיע.

מילא, האבען זיי, הייסט דאס, די ווייב מיט די קינדער, ביי מיר גע'פועל'ט. איז ווען, א שטייגער, געהט מען אין פאטאגראפיע אריין? עס פערשטעהט זיך, אז נישט אין מיטען יאהר און נישט אין א מיטען מיטוואך. על-כל-פנים, בין איך דאך נישט חסר דעה, אדער ח"ו פון זינען געריהרט, אז איך זאל מיר אין מיטען וואך געהן אויסטראצלען און אויספוצען זיך אין בגדי שבת ויום-טוב און לאזען זיך איבער'ן שטעדטעל אויף אלעמענס ביי וואונדער. איהר פערשטעהט דאך, וואס פאר א פנים, א שטייגער, איך וואלט האבען ביי לייטען און ביי זיך אליין. און ווער רעדט, אום שבת,—וועל איך דאך אודאי נישט געהן. על-כל-פנים איז דאך נאך אזוי ווייט נישט גע-

קומען, אז איך זאָל צוליעב דעם מחלל־שבת זיין. אַז נישט דערהאַרען וועט דער פאָטאָגראַפטשיק מיט דער פאָטאָגראַפיע אינאיינעם.

האָבען מיר, הייסט דאָס, אָבגעלעגט דאָס אַראָבנעהמען זיך אויף חול־המועד פסח. ראשית איז דער יום־טוב אום חול־המועד אַביסעל וואָכעדיג, אָנגעטהון איז מען יום־טוב'דיג. דער קאָפּ איז, ווי זאָגט איהר, אויך רוהיגער, מעהר אויפגעלעגט פאַר אַזעלכע שטות'עריייען... געהען מיר. געקומען אין פאָטאָגראַפיע אַריין, פיהרט מען מיך אין אַ הייזעל פון דורכאויס פענסטער, פערהאַנגען מיט אַלערליי פאָרהאַנקעס; הײנט מאַשינעס מיט פרוזשינעס, מיט אַלערליי דאָרטען מכשירים. ער, דער פאָטאָגראַפטשיק, זעצט מיך אַוועק אויף אַ שטוהל, די פאַטילניצע מיינע פערדרוקט ער הינטער אַזאַ מין סאָרט אייזערנע מאַכערייקע... איך בין נישט פויל און גיעב איהם מאַקי באַלד אויפ'ן אָרט אַ פרעג: זאָגט מיר, זאָג איך, פאַני פאָטאָגראַפטשיק, וועט דאָס מאַקי שטאַרק וועה טהון? און וואָס פאַר אַ וועהטאָג אַנ'ערך דאָס וועט זיין? צי, למשל, ווי מען גיעט אַ שטאָך מיט אַ נאָדעל, אָדער, ר"ל, ווי מען רייסט אַרויס אַ צאָהן? נישט קשה— זאָג איך איהם — איהר מעגט מיר זאָגען דעם גאַנצען אמת. איך האָב מיר שוין איינמאָל געמאַכט אַ האַרץ. עלהיי, זאָג איך, זאָל דולטען—אַ רעפּעראַציע. ענטפערט ער מיר: גאָרנישט מיט גאָרנישט. נאָר באַלד גלויב איך איהם! אַז דער שכל איז מחייב, אַז עס מוז וועה טהון. דען ווי באַלד דער כח פון פנים ווערט אָבגעקלאַפּט אויף אַ גלאָז, וואָס האָט אַ מאַגנעט, און עס ווערט דערפון אַ „טיען" און פון דעם „טיען" ווערט דערנאָך אַ קאַרטע,— טאָ מוז דאָך דאָס וועה טהון? — האַ? וואָס זאָגט איהר, נישט אַזוי?

מילא, זיץ איך אין געהאַקטע וואונדען, און ער, דער פאָטאָגראַפטשיק, לויפט און שפּרינגט אַרום מיר ווי אַ פערסמ'טע מויז; שמייעט מיט אַ שטעקען אין האַנד. פערקאַטשעט אַ פאָרהאַנקע אַרויף, אַ פאָרהאַנקע אַראָב און אין מיטען ווערט ער גאָר נעלם און בעהאַלט זיך הינטער אַ קאָלדרע. פונקט ווי ער וואָלט מיט מיר שפּיעלען אין בעהעלטעניש; קוקט אויף מיר פון אַ שפּאַקטיוו. און ווידער אַמאָל געלאָפען, געשמייעט, געטאַנצט און געסאָפּעט און אַלץ עפּעס אַזעלכע אָנגעשוואָלענע, אָנגעדראָלענע דבורים און שפּרוך־ווערטער אַזוינע, וואָס מען דאַרף האָבען אַ קאָפּ פון אַ דייזשע זיי צו געדענ־

קען: יעסטעסטוועגע—שרייט ער—יעסטעסטוועגע! פּאַזשאַלעסטווע, יעסטעסטוועגע! גלאַוונאַיע אין אַ פאָטאָגראַפיע—זאָגט ער—דאַרף מען זיצען יעסטעסטוועגע! איהר ווייסט אפשר, פּאַני אדוואָקאַט, וואָס הייסט דאָס זיצען יעסטעסטוועגע? איך ווייס ווי מען זיצט אויף טערקיש— די פיס אונטער זיך. אָבער וואָס הייסט דאָס זיצען יעסטעסטוועגע? און פרעגען איז דאָך נישט שייך, וואָרום רײדען איז חיות נישט זיכער! און ער שרייט אַלץ יעסטעסטוועגע און יעסטע־סטוועגע!... וואָט טאַק!... וואָט טאַק!... דעם קאָפּ אויף אַ זייט... אָט אַזוי, אָט אַזוי... נאָך אַביסעל, נאָך אַביסעל... די האַלז ציהט אויס... נאָך... נאָך... נאָך... וואָט טאַק... יעסטעסטוועגע!...

איצט—זאָגט ער — מאַכט אַ פרעהליכע וויראַזשעניע... שמייכעלט... שמייכעלט... ס'איז גרינג צו זאָגען: שמייכעלט, אַז מיר איז אַ מינוט צו חלש'ען און אַ שמעק טאַבאַק ווילט זיך — אַז איך שטאַרב. נאָר אַ ברירה האָב איך! און איך שמייכעל פונקט ווי די גאַנצע וועלט איז מיר ליעב און מיין לעבען איז מיר זיס ווי אַ פּאַטעקע־האָניג. געפעלט איהם ווייטער נישט. ניין — זאָגט ער — סעריאָזנע! ... אַ סעריאָזנע וויראַזשעניע האָט מעהר „וויד"... די ברעמען הויבט אויף... העכער, העכער... אָ, אָ, אָט אַזוי!... עס וואָלט געווען גוט, זאָגט ער, ווען איהר מאַכט נאָך אַ פּאָר קנייטשען אויפ'ן שטערען... אָ, קנייטשען — זאָג איך — קען איך אייך מאַכען וויפיעל איהר ווילט נאָר אַליין. אויף קנייטשען דעם שטערען — זאָג איך — בין איך גאָר אַ גרויסער מאַרים. רעדט נישט, שרייט ער — נאָר נישט גערעדט! פּאַזשאַלעסטווע נישט רעדט!... אַלא וואָס דען? דער נאָז געפעלט איהם נישט. מיין נאָז — זאָגט ער — איז צו גרויס. עס האָט נישט די ריכ־טיגע פּאַנאָראַמע... איהר פערשטעהט? ביז אַהער האָב איך געמיינט, אַז אַ נאָז קאָן האָבען אַ בראָדאַווקע, אַ הויקער, אַ זוי־מער־שפּרינגעל, אַ לישאַיע, אַ גריבעל וכדומה. אָבער אַ נאָז מיט אַ פּאַנאָראַמע — דאָס הער איך דאָס ערשטע מאָל... פּרובט — זאָגט ער — דעם נאָז אַ ביסעל אַריינשלעפּען אין זיך... אָטהעמט צו זיך, אין זיך... שמעקט... שמעקט... שטאַרקער... אָ, אָ, אָ!... און איך אָטהעם, און דישע, און שמעק און הער אויפ'ן קיך פרעגעלט זיך פסח'דיגע חרעמזלעך, פּאַלירטשיקעס, מאַנטעלעפּייטשיקעס, פּאַמפּוש־קעס. עס פערגעהט אין קאָפּ... ניין — זאָגט ער — דער נאָז ווערט

ניִשט קלענער. כ׳וועל מוזען אויף איהם דערנאָך אַוועקלעגען אַ רעטוש... וואָס איז דאָס אַזוינס אַ רעטוש? און וואָס אַזוינס קלייַבט ער זיך אַרויפלעגען בייַ מיר אויפ׳ן נאָז? — ווייס איך ניִשט. נאָר פערשטעהן, פערשטעה איך, אַז מיט מייַן נאָז האַלט ער ניִשט פרעהליך. און אין האַרצען גיב איך אַ נדר, אַז ווען איך וועל אי״ה פון זייַנע הענד אַרויס בשלום מיט אַ גאַנצען נאָז, — וועל איך גומל בענשען.

נו, איצט, זאָגט ער, קוקט אַהער!... אַהער! ניִשט עפענט אַזוי פונאַנדער די אויגען. פערזשמורעט זיי. אָט אַזוי... וואָט טאַק!... נו, קוקט אויף מיר. וויִנאָוואַט! קוקט אויף מייַן שטערען! וויִנאָוואַט, קוקט, קוקט אויף מייַן פינגער... איך וועל צעהלען ביז צעהן... איינס... צוויי... דרייַ... פיער... רוהיג, רוהיג!... פּאָזשאַלעסטווע רוהיג. איהר קענט נאָך איבערפיהרען די גאַנצע פּאָזיציע. הען? אַ מענש זאָל ניִשט קענען איינזיצען אַביסעל!...

רבונו של עולם, ווען וועט דאָס שוין נעהמען אַ סוף! — טראַכט איך מיר אין האַרצען, וואָרום ריידען איז דאָך ניִשט שייך: אַז איך וויל נאָר עפענען אַ מויל, גיט ער זיך אַ חאַפּ ווי אַ אָבגעבריהטער און מיט אַזאַ רציחה, מיט אַזאַ כעס, אַז דער אויבערשטער זאָל שומר ומציל זייַן. זיץ איך און שווייַג, און האַלט זיך איין, און הער, ווי עס פּלאַצט אין מיר די גאַל.

אין מיטען איז ער זיך מיישב: מייַנע ליפּען זענען צו דיק. איך זאָל זיי אַרייַנשלעפּען אין זיך. מאַלט — זאָגט ער — זיי דין... דינינקע... אָט, אָט... עדעל, פייַן... עס האָט דעם זיעבעטען חן... בענעצט זיי. זיי זענען בייַ אייַך זעהר פערטריקענט... בענעצט זיי מיט׳ן צונג... נו, און איצט שטעקט אַרויס דעם צונג. וויִנאָוואַט. כ׳מיין: דעם קאָלנער פון קלאַפּע. עס גיט צו מעהר סטיל... אַ־לאַ רעמבראַנד... נאָר, גלאַוונאָיע, זיך האַלטען פּראָסט, יעכטעסטווענע... יעסטעסטווענע... די אַקסעל אויפגעהויבען, די האַלז אויסגעצויגען... ניִשט פינטעלט מיט די אויגען... ניִשט רעדט. ניִשט גענעצט, ניִשט אָטהעמט... וואָס טרייסעלט איהר זיך אַזוי?... ש־ש... רוהיג... איין מינוט... איין מינוטקעלע... קוקט אַהער... אויף מייַן פינגער... ש־ש... איך צעהל: איינס... צוויי... דרייַ... פיער... פינף... זעקס... זיעבען... אַכט...

דאָ האָט מיר מיין גערולד געפּלאַצט. דער כח הדם האָט מיר געטהון אַ זעץ אין קאָפּ אַריין, איך האָב פערלאָרען דאָס געדולד, דעם שכל, דעם ישוב הדעת מיט הכל בכל, האָב געחאַפּט די מאַשינע און גלייך איהם איבער'ן קאָפּ: טראַך און טראַך! ... דעם קאָפּ איהם צושפּאָלטען, די מאַשינע אויף פּיצלעך צעבראָכען ... געוויס, דאָס קען קיינער נישט לייקענען. אָבער איצט וואָס? וואָס טהוט מען איצט, פּאַני אַדוואָקאַט? גיעט אַ עצה.

---

## II.

## ביי'ם דאָקטאָר.

יאָ, יאָ ... אַזוי ווי איהר זעהט, הערר דאָקטאָר, בין איך קראַנק ... איך הער ווי די כוחות געהען מיר אויס ... איך פער-געה ווי אַ ליכט ... אַך — נאָ — נאָ ... איך בין אַלט, געוויס. 78 יאָהר איז נישט קיין קלייניגקייט, אָבער, נישט צו פערזינ-דיגען, געפיהלט זיך מעשה מענש, געוועזען לייטען גלייך ... אַ תענית, אָבפאַסטען אַ שבעה-עשר בתמוז'דיגען טאָג, איז ביי מיר געוועזען פון די קלייניגקייטען; אַ יום-כפור'דיגען מעת-לעת אָבשטעהן אויף די פיס אין שוהל — פלעגט מיר נישט אָנהויבען צו אהרען. נאָר דאָ, פון היינטיגען חול-המועד פסח אָן, בין איך, לא עליכם, אויס מענש געוואָרען. אָך-לאָ-לאָ ... אַראָבגעפאָהרען אַראָב און אַראָב ... קוים וואָס איך געה דורך דאָס געסיל אין בית-המדרש אַריין ... פון טאָג צו טאָג ווער איך שוואַכער, קראַנקער ... נעהנטער אַהין ... אַהין ... אַהין ...

און זאָגען: דאָס פסח'דיגעס עסען האָט מיר פערשאַדט — ניין, אדרבה, פסח'דיגעס עסען איז מיר דוקא ניחא. און מצה האָב איך גראַדע ליעב. מעהר נישט די „זאַשלעס״ אַ ביסעל צו-שטאָכען; קיין צאָהן אין מויל, נישט פאַר אייך געדאַכט ... אָבער לולא זאת — נישט צו פערזינדיגען ... וואָרום אַז איך כאַפּ אַנ'איבעריגען ביסען, ווייס איך שוין וואָס און וואו און ווען ... אָט ווייס איך, למשל, אַז זונטאָג בעדאַרף איך שוין נישט עסען,

ווייל דער שבת'דיגער טשאָלענט ליגט נאָך מיר אין מאָגען — עס איך נישט... מאָנטאָג בין איך מיר שוין ווידער אַ מענש...

ניין, הערר דאָקטאָר, מיין קראַנקהייט נעהמט זיך גאָר פון אַנ'אַנדער זאַך, גאָר פון אַנ'אַנדער זאַך... איך ווייס, איהר וועט אפשר לאַכען. ביי אייך אין דאָקטאָריע לערנט מען נישט פון אַזעלכע חלנת'ן... ביי מיר אָבער איז דאָס קלאָר, קלאָר ווי דער ליכטיגער טאָג. איך ווייס פון וואַנען דאָס נעהמט זיך און פון וואַנען דאָס קומט מיר... פון דער פערשאָלטענער פאָטאָגראַפיע, הערר דאָקטאָר... די פאָטאָגראַפיע איז מיין מלאך המות. יאָ...

וואָס הייסט? פשוט, געוועזען אין פאָטאָגראַפיע, אַראָבגענומען זיך אויף אַ קאַרטע, געקומען אַהיים און האָב דערפיהלט, אַז איך בין שוין נישט דאָס... פע... אָבער גאָר נישט דאָס... פערשאַדט...

— ווי אַזוי פערשאַדט? חע — ע, פאַני דאָקטאָר, איהר ווילט אַ שכל, ביי אייך איז דאָך אַלץ על פי שכל: אַ כח, אַ נאַטור-זאַך, אַ מאַגנעט, עלעקטרע...

ניין, הערר דאָקטאָר, פאַרהאַן זאַכען, וואָס זענען למעלה מן השכל. נישט איך און נישט איהר און נישט קיינער פערשטעהט עס נית, אָבער עס איז פאַרהאַן, פאַרהאַן... און עס שאַדט...

אַדרבה. אַז אַלץ איז ביי אייך על פי שכל, טאָ גיט מיר צופערשטעהן, פאַרוואָס עפּעס אַז אַ מענש שטאַרבט, ווערט זיין קאַרטע אָבגעבליאַקעוועט, בלייך? האַ? איהר וועט דאָך אין דעם נישט לייקענען. אַ סימן, אַז דער מענש מיט דער קאַרטע האָבען אַ שייכות. וואָרום אַז עס זאָל נישט זיין קיין שייכות, וואָלט די קאַרטע נישט בלייך ווערען. משמעות, אַז פון פאָטאָגראַפירען זיך קומט קיין געזונד נישט צו... נו. אַדרבה, ערקלערט מיר טאַקי אויך מיט'ן שכל, פאַרוואָס איז עפּעס אונזער אַלטער הושע-בער דעם רב'ס ע"ה געשטאָרבען און דוקא אין דעם זעלבען יאָהר, וואָס ער איז געוועזען אין פאָטאָגראַפיע?... געוועזען אין פאָטאָגראַפיע, אַרונטערגענומען זיך און אין דעם זעלבען יאָהר געשטאָרבען... אָך-לאָ-לאָ. איך געדענק, ווי ער ע"ה, פאַר דער פטירה האָט מיך צוגערופען און האָט געזאָגט

ר׳ משה, איבער דער פאָטאָגראַפיע גײה איך פון דער וועלט אַוועק... אָט האָט איהר אײַך קלאָרע דבורים, פּני דאָקטאָר... קכו, קכו, קכו...

געלאָזען זיך אײַנשמועסען פון קינדער... קינדער שטעהען צו... זײ ווילען אַ זכרון... אַ זכר פון אַלטען טאַטען... די תמונה מײַנע ווילען זײ האָבען. ס׳פערשטעהט זיך... אַי וואָס די תורה זאָגט: לא תעשה לך כל פסל וכל תמונה? און וואָס אין פיעל הײליגע ספרים ווערט דערמאָנט, אַז עס איז נישט גאָר אַזוי רעכט צו לאָזען זיך אַרונטערנעהמען אויף אַ פאָטאָגראַפיע? און מן הסתם האָבען זײ דאָך געוואוסט וואָס זײ האָבען געזאָגט — ווילען דאָך די קינדער דערפון נישט וויסען און שלעפען דעם אַלטען טאַטען אין פאָטאָגראַפיע אַרײַן... וואָס טענה׳ן זײ? ר׳ יצחק אלחנן, דער רמב״ם, דער ווילנער גאון, ר׳ שניאור זלמן,— זײ האָבען זיך אויך געלאָזען אַרונטערנעהמען אויף פאָרטרעטען. פּראָים, זײ פערשטעהען גאָר נישט, אַז ר׳ יצחק אלחנן, דעם רמב״ם, דעם ווילנער גאון, ר׳ שניאור זלמן האָט מען נישט אַרונטערגענומען, נאָר אַראָבגעחאַפּט. און צווישען אַרונ-טערנעהמען און אַראָבחאַפּען איז אַ גרויסע נפקא מינה... איהר וועט דאָך נישט זאָגען, אַז דער ווילנער גאון ז״ל איז געגאַנגען אין פאָטאָגראַפיע אין טלית און תפילין און זיך גע-הײסען: נאַ, נעהמט מיך אַרונטער, מעשה חוזק... אלא וואָס דען? ער איז געזעסען און געלערנט, האָט מען איהם אַראָבגע-חאַפּט; דער אַנדערער איז געגאַנגען אין בית מדרש, האָט מען איהם אַראָבגעחאַפּט; דער דריטער איז געשטאַנען שמונה עשרה, האָט מען איהם אַראָבגעחאַפּט... אָהן זײער וויסען און אָהן זײ-ער הסכמה... און ווער ווײסט, צי דאָס האָט זײ ניט פערשאַדט?... ווער ווײס?...

יאָ, יאָ, הערר דאָקטאָר, אַסך משולחת׳ן איז פאַרהאַן בײַ דעם רבונו של עולם, האָט ער נאָך בעשאַפען די פאָטאָגראַפיע אַ צוגאָב... צו פערקירצען דעם מענשענס יאָהרען... און אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, האָב איך שטענדיג מורא געהאַט דערפאַר אימת מות... געפיהלט האָב איך, אַז דאָ שטעקט אַ מין קליפה, ר״ל, וואָס ציהט אַרויס דאָס חיות, דעם געזונד, די קליאָק פון די בײנער... אַז בײַ מיר, הערט איהר, איז דאָס אַלץ

איינם: פאטאגראפירען זיך, א צוואה שרייבען, ודוי זאגען, א מצבה שטעלען, — אלץ איינם און די זעלבע זאך, פון איין און דעם זעלבען סארט... אלץ שמעקט מיט דארטען... דארטען...

שפל... זעהר שפל... איך פיהל איך געה אוים, אוים און אוים... פון טאג צו טאג פעהלט מיר כחות, געזונד... איך וויים גאר נישט, פאני דאקטאר, וואס איהר קענט טהון צו אזא קראנקהייט... מילא, איהר פערשרייבט א רעצעפט, א רפואה... שרייבט... איהר זענט דאך דעם אויבערשטענם א שליח און ער איז דאך טאקי דער אמת'ער רופא חולים און דורך אייך וועט ער מיר אפשר צושיקען די רפואה שלמה... אך־כא—קכו... קכו...

# פּעטש!...

איז וואָס? איהר וואונדערט זיך, ווער האָט דאָס מיך אַזוי צושלאָגען? וואָס איך בין אַזוי פערבאַנדאַזשירט און אַרומגעבונדען ווי נאָך אַ פּאָגראָם? כ'מײַן, גאָר גאָרנישט. דאָס וועט זײַ קײנעם ניט געשענקט ווערען, איך וועל מיך מיט זײַ שוין רעכענען אויף דער וועלט. וואָס דען? פערשווײַגען זײַ? אַ נײַן, דאַס טהו איך ניט, איך בין ניט קײן פערשווײַגער. איך בין, ווי איהר זעהט מיך, אַ יוד אַ ספּיצליוועך. בײַ מיר, אַז מען ריהרט מיר אָן מײַן האָנער — איז פּעטש און ווײַטער גאָרנישט! אויף חיים דעם פּאַפּיראָסניק האָב איך שוין אָנגעגעבען אַ פּאַפּיר און שמואל ליאָטע דער געמאַראַנירטער הערינג וועט שוין בײַ מיר אויך גוט פערשוואַרצט ווערען אין די הויכע פלעקער און אָרען דעם הימעלקוקער וועל איך גלאַט געבען פּעמש, פּשוט פּעטש, אַז די אויגען וועלען איהם פליהען פון קאָפּ, זאָל איך נאָר אַביסעל צו-זיך קומען און אַראָבוואַרפען פון זיך דעם גאַנצען כאַלאַמידער באַנדאַזשען מיט די פליאַסטער...

ווען האָט מען מיך צושלאָגען, פרעגט איהר? וואָס הײַסט ווען? און וואָס הײַסט מען האָט מיך געשלאָגען? און וואו בין איך געוועזען? איך האָב געשוויגען? „אי מאָי קולאַק ביע דוראַק”! וואָרום איך בין, ווי איהר זעהט מיך, אַ יוד אַ כעסן, אַ ספּיטצליוועך און האָב פײַנט פערשווײַגען. בײַ מיר, אַז מען טרעט מיר אָן מײַן כבוד, מײַן האָנאָר — איז פּעטש! און ווײַטער גאָרנישט!

דעם בײַל אויפ'ן שטערען ווער האָט מיר געמאַכט? הע, זיך דערמאָנט. דאָס האָב איך געקריגען נאָך דעם אַנדערען טאָג ראש-השנה אין שול, איבער'ן מפטיר.

דעם אַנדערען טאָג ראש-השנה איז מײַן מפטיר, מײַן

חזקה. דאָס ווייסט, דאַכט זיך, די גאַנצע וועלט. אי וואָס? מיר האָבּען אַ פּאַרך אַ גבּאַי, וואָס וויל דוקא פערקויפען דעם מפטיר? מען דאַרף, זאָגט ער, די שוהל אַרומזעהען; עס געהט צו ווינטער און האָלץ דאַרף מען קויפען, — איז מילא, אַז מען דאַרף, דאַרף מען. און אַז מען פערקויפט. בין איך אויך אַ קונה. און אַז מען באָט, באָט איך אויך, און שטייג — 10 גילדיין, 15 גילדיין, 20 גילדיין, 40 גילדיין, 50 גילדיין. דאַכט זיך גענוג? שאַ, עמיץ האָט שוין אַריינגעשמיסען אין אַ מאה אַריין. צוגעבאָמקט, צוגעקלאַפּט, פערקויפט, ווער איז? חיים לאַטוטניק! ווער איך אַנ'אויפגעקאָכטער און עס צינדט זיך מיר אָן דער כח הדם און גיב אַ זאָג צום גבּאַי: ר' טוביה, איהר זענט אַ פּאַרך! חיים'קע דער גנב קען מעהר ניט ווי אָנבאָטען, אָבער אַז עס קומט צו צאָהלען, גיט ער אייך אָט אַ דאָס! אַ סך קאָסט איהם די שול? פּעטש זענט איהר ווערט, פּעטש!... ווערט דאָך מסתמא אַ מהומה. און עס הויבּען אָן פליהען פּעטש און עס פליהען מחזורים איבּער די קעפּ. חאַפּט חיים און שלעפּט אַ שטיקעל פּאַרענץ פון בּימה, חאַפּ איך אַ פּיסעל פון אַ בּענקעל. חאַפּט ער און שלעפּט בּיי מיר אַרויס די פּיסעל און גיט מיר איבּער'ן קאָפּ. אַ חכם! מיט אַ הילצערנע פּיסעל שלאָגען זיך! זיין מזל, אַניט וואָלט ער זיך פון מיר שוין ניט געגאַרט! איך וואָלט איהם ווייזען ווער איך בּין! וואָס דען? שווייגען וועל איך? אָ, ניין! ניט אַזאַ מענש בּין איך! איך בּין אַ מענש מיט האָנאָר, און אַז מען ריהרט מיר אָן דעם האָנאָר — איז פּעטש, פּעטש, און ווייטער גאָר נישט!

און אָט די בּאַק, וואָס איז אָנגעשוואָלען, און די שטיקעל בּאָרד, וואָס פעהלט, דאָס איז „נאַפּליעוואַט". דאָס האָב איך געחאַפּט דעם אַנדערען טאָג סוכּות, פון מיין שכן, שלום דעם מיסאָנזשניק. מאָלט אייך ער האָט בּיי מיר אויך געחאַפּט די גוטע פּעטש. אַ פּאַרך קען: פערנעהמען די סוכּה טאָג אין טאָג בּיז אין אָבענד אַריין, און איך מיט מיין „סעמייסטווע" זאָל דאַרפען הונגערן, הונגערן אַ גאַנצען יום טוב!

וואָס בּין איך וואָס? אַנ'איינגעבּעטענער גאַסט? דאַכט זיך אַז אויף דער סוכּה האָב איך געהאָרעוועט פּונקט ווי ער. און פאַר די סכך האָב איך בּעצאָהלט, ניט ער!

איז וואָס זשע טהו איך? דאַווען איך אָב ותיקין און פערנעהם די סוכה און זאָל ער שוין איצט וואַרטען מיט זיין צקר ביז'ן אָבענד אַריין. וואָס־זשע טהוט ער? שיקט ער אַרויס זיין בן יחיד, ער זאָל שפּייען אין סוכה ווען איך זיץ און עס, וואַרפען שטיינער, קלאַפּען אין וואַנט... וואָס־זשע טהו איך? לויף איך מסתמא אַרויס און חאַפּ זיין בן יחיד און דרעה איהם מסתמא גוט אָן פאַר'ן אויער, חאַפּט ער מיר דער ממזר פאַר'ן באָרד און פליקט מיר אויס אַ האַלבע באָרד, לאָז איך איהם אַראָב אַ פּאַטש, איינעם און דעם אַנדערען. דערהערט דאָס זיין טאַטקע, און פליהט אַרויס מיט אַ רציחה און גיט מיר אַ זעץ, מיט'ן קולאַק, אָט דאָ, גלייך אונטער'ן אויער; וויל איך דאָך מסתמא איהם אַראָבלאָזען דעם גוטען פּאַטש, לויפט ער צוריק אין סוכה אַריין, און חאַפּט אַ גאָפּעל און וויל מיך פּשוט שטעכען. אַנדערש ניט, נאָר שטעכען! אַ נס, דער הויף האָט זיך אַריינגעמישט און מען האָט אונז פערנאַנדערגענומען; זיין טריפה'נער מזל! אַ ניט, וואָלט ער שוין פון מיר געחאַפּט די אמת'ע פּעטש, וואָרום איך בין אַ יוד, דאַרפט איהר וויסען זיין, אַ כעס'ן, אַספּיציליוועך און אַז מען טרעט מיר אָן מיין האָנאָר, איז פּעטש און וויטער גאָר נישט!

און אָט דעם בלאָהען צייכען אונטער'ן אויג, דאָס האָב איך געקראָגען צו הקפות.

ווי רעכענט איהר? אַ יוד, וואָס האָט „אַ שטאָדט" אין שוהל, און די שוהל קאָסט מיר אָב בלוט און אייטער, טאַקי ווי דעם שענסטען בעל־הבית: הן צו די קערות, הן פאַר עליות, הן אַזוי אַ וואָכער, בעדאַרף איך האָבען אַנ'הקפה צי ניין? מילא אַתה הראית — ווי אַתה הראית, אָבער אַנ'הקפה! ניין! איך וואַרט די ערשטע הקפה, די צווייטע, די דריטע, די פיערטע, — עס זידט אין מיר דאָס בלוט, עס קאָכט אין מיר ווי אין אַ קעסעל: מען איז, אַ פּנים, בעלנים אָבצולעגען מיין הקפה אויף מאָרגען פריה. עם כל הנערים. ע־ע! ביי מיר געהען אַזעלכע שטוקעס ניט אָן. איך האָב פיינט שווייגען, וואָרום איך בין, דאַרפט איהר וויסען זיין, אַ יוד מיט האָנאָר, און אַז מען פערטשעפּעט מיר מיין האָנאָר, פליהען שוין פּעטש ווי האָלץ!

וויטער, אָט אָ דעם סיניאַק אויפ'ן באַק האָב איך געחאַפּט

שמחת תורה בײַ טאָג... גלאַט, מענשען שלאָגען זיך מיט פלעקער
און מיט העלצער, איבער'ן קאָפּ. וואָס איז מײַן קאָפּ פון שטײַן,
פון אײַזען? מאָלט אײַך, מײַן שוואָגעריק האָט פון מיר אויך גע-
חאַפּט דעם אמת'ן פּאַטש, אַז די צײַנער זענען איהם פון מויל
געפלויגען; אָבער גלאַט, קומען מיט אַ חברה קצבים און אָנפאַ-
לען אויף אײַנעם!

פאַרוואָס? ווײַל איך האָב איהם מיט מײַן שוועסטער, זײַן
ווײַב, הײַסט דאָס, אַרויסגעזעצט פון אונזער ירושה-שטיבעל,
קלײַבט ער מײַן שוואָגעריק, הײַסט דאָס, אויף מיר האַרץ.

שוין יאָהרען לאַנג, אַז מיר סודיען זיך; אַלע ווײַלע, ווי
איהר זעהט, געשלעג, פּאַפּירען, משפּטים. ס'איז אויף דעם געסיל
פרעהליך מיט אונזער ירושה. מסתמא האָב איך אויסגעפיהרט,
וואָרום דער זאַקאָן איז אויף מײַן זײַט. דאָס וועט אײַך אַפילו
זאָגען לוי-יצחק דער אַדוואָקאַט אויך, און אַז איהר וועט זעהן
די צוואה, וועט איהר אויך זעהן, אַז איך בין גערעכט.

בין איך מסתמא געקומען דאָ פאַר יום-טוב מיט דעם „סודעב-
נעם פּריסטאַוו" און האָב זײַ אַרויסגעזעצט... נישקשה, פאַר דעם
פּריסטאַוו אין די אויגען וועסטו מיר גאָרנישט טהון, אַזאַס! וואָס
דען — שמחת תורה איז ער דאָס, מײַן שוואָגעריק, געקומען
אָבּרעכענען זיך מיט מיר. חכמים, אַלע אויף מיר אײַנעם. זאָל
ער אָקאָרשט, מײַן שוואָגעריק, פּרובען אײַנער אַלײַן, וואָלט איך
איהם שוין ווײַזען וואָס הײַסט שלאָגען זיך. ער וואָלט געחאַפּט אַזעלכע
פּעטש, אַז פונקען וואָלטען געפלויגען, אויף טויט וואָלט איך איהם
צופּאַטשט. וואָרום אַזאַ מענש בין איך. און אַז מען ריהרט מיך
אָן פליהען שוין פּעטש ווי שפּענער. און ווײַטער גאָרנישט.

נאָר אָט דעם רעכטען קלאַפּ אין נאָז האָב איך געחאַפּט
הײַנטיגען שבת בראשית, ווען עס איז אָנגעגאַנגען די טאָרגעם
פון הכנסת התורה, הוצאת התורה, הגבהה און גלילה, שטעהן
מיט'ן „טײַטעל" וכדומה.

גאָרנישט, ס'איז הפקר פּעטרישקע געווען, וואָס מען האָט
געוואָלט, האָט מען געטהון! און וואו בין איך? איך האָב עפּעס
אַ דעה, צי ניט? נאָר אַז מענשען שלאָגען זיך מיט שטענדערס,
איז דאָך ניט שייך... נאָר גאָרנישט, איך וועל זיך שוין מיט
זײַ אַלעמען רעכענען, זאָל איך נאָר אַ ביסעל צו-זיך קומען. אַ-

וואָס, מען האָט די שוהל פער׳חתמ׳עט? — איז מילא. וועלען מיר זיך טרעפען ערגעץ אַנדערש־וואו, איהר וועט נאָך זעהן כּאַראַ פּעטש עם וועלען פליהען; די אמת׳ע, פייערדיגע כּפּול שמונה׳דיגע פּעטש, אַז באַק־ציינער וועלען טרעשצען! אָט וואָס׳

# מאלינעס.

א טרויעריגע געשיכטע פון גלות-דאטשע.

— אז איך וואלט געקענט פועל'ן ביי דעם רבונו של עולם, וואלט איך איהם געבעטען איין זאך: ער זאל מיך מאכען אויף דער זומערדיגער צייט, בלויז אויף דעם דאטשע-סעזאן, פאר א פרויענצימער. איך וואלט איהם מוחל געווען אלע מיינע מאנסבילשע פריווילעגיעס: די הקפות, די עליות און ששי און שלישי און אלע תרי"ג מצות מיט דער ברכה „שלא עשני אשה" איינאיינעם, אבי אויף דעם קורצער צייט ווערען א ווייב און נישט קיין מאן.

אזוי האט מיר אנגעהויבען צו דערצעהלען א יונגער מאן, אוועקזעצענדיג זיך נעבען מיר אין פאיעזד, וואס איז געפאהרען פון באברויסק צו דער דאטשע דאראגאנאיוע, נאכדעם ווי ער, א פערמאטערטער, א פערשוויצטער, א צוהיצטער האט אבגעטהעמט, אבגעווישט די גרויסע טראפען שוויים, וואס האבען זיך געקויקעלט פון זיין פנים אויף דער זשילעט, און איז א ביסעל צו-זיך געקומען.

דאס קליין קערבעלע מאלינעס, וואס ער האט געהאלטען אין האנד, האט ער אוועקגעשטעלט ביי דער זייט; דאס הייסט: צווישען מיר און איהם.

איך בין געווען צופריעדען מיט מיין שכן און איבערהויפט מיט די מאלינעס, וואס איז געשטאנען ביי דער זייט.

אין וואגאן איז געווען אזוי ענג, דושנע, שטויביג. אין מויל איז געווען טרוקען, פאסקודנע. און דורשטיג בין איך געווען. פערברענט צו ווערען.

„וועט זיין מיט וואס צו קוויקען זיך א גאנץ וועג" האב איך געטראכט, און געווארפען דורשטיגע בליקען אויף דאס קערבעלע מיט די מאלינעס.

דער יונגער מאַן האָט, ווי עס שיינט, געהאַט אַ שווערע אָנגעלאָדענע האַרץ; אַ צוריצטער, אַ צובייזטער האָט ער געזוכט פאַר ווּעמען זיין ביטער האַרץ אויסצוגיסען — און זיין גורל איז געפאַלען אויף מיר.

— קען איך פילייכט פערזוכען אַ מאַלינקע? — האָב איך איהם געפרעגט.

— אָ, מיט'ן גרעסטען הדרת הכבוד — האָט דער יונגער מאַן געענטפערט און ווייטער אָנגעהויבען צו דערצעהלען מיט האַרץ, מיט אימפעט, נישט בעמערקענדיג וואָס אַרום איהם טהוט זיך.

— וואָרום אין גוטען מוט — האָט ער געזאָגט — איז דאָך זעהר אַ געשמאַקע זאַך, ווען אַ ווייב זיצט אויף אַ דאַטשע און דער מאַן דאַרף דיענען „אויף פּאָסילקעס" און אומפליהען טאָ אַהין טאָ אַהער און שלעפּען פּעקלעך פאַר איהר און פאַר איהרע שכנים און פאַר איהרע שכנים'ס שכנים... וואָרום וואָס אַרט דען איהר? אַי וואָס, דער מאַן אַרבייט אַ גאַנצען טאָג ווי אַנ'עזעל אין שטאָדט און ווערט גוט פערשוואַרצט ביז וואַנען ער אַרבייט אויס די הוצאה אַ פאַר דיר, אַ פאַר מיר, אַ פאַר די קינדער, אַ אויסהאַלטען אַ דאַטשע און צאָהלען דירה-געלט אין שטאָדט — מילא, וואָס געהט עס איהר אָן? נאָר פונדעסטוועגען, אַז עס געהט נאָך בהדרגה, כשורה, ווייס מען, אַז אַ ווייב זיצט אויף אַ דאַטשע, דאַרף זיך דער מאַן איינשפּאַנען ווי אַנ'אָקס אין סאָכע און אַקערן די ערד מיט דער נאָז.

ווי איז אָבער דער דין, אַז דעם ווייב פערווילט זיך פרעגלען וואַרעניעס און דוקא אויפ'ן דאַטשע און דוקא איך זאָל איהר ברענגען מאַלינעס און דוקא פון שטאָדט און פאַר איין וועג זאָל איך איהר נאָך ברענגען די פאַן מיט דעם טאַזיק מיט דעם דריי-פוס מיט פלעשער און גלעזערנע סלאָיעס אויף אַריבערצוגיסען די וואַרעניעס, מיט אַ הילצערנע לעפיל אויף אַראָבנעהמען די אויבערשטע, ווי הייסט דאָס דאָרטען, די באַרבעריצע, — דעמאָלט איז דאָך טאַקי רעכט, אַז דו זאָלסט פאַלען אין גאַס ווי אַ פערד, ווי אַ סקאָטינע, און קיינער וועט אויף דיר קיין רחמנות נישט האָבען, וואָרום ווער הייסט דיר זיין אַזאַ לעקיש?

כך הוה. מיין ווייב פערגלוסט זיך צו פרעגלען מאַלינע וואַרעניעס.

— שמואל, — זאָגט זי צו מיר, — איך וואָלט וועלען, אַז דו זאָלסט מיר ברענגען פֿון שטאָדט אַביסעל מאַלינעס, וועל איך אָבפּרעגלען אַביסעל מאַלינע-וואַרעניעס. דאָ, זאָגט זי, אויפֿ'ן דאַטשע, איז ניִשט צו דערקויפֿען זיך, מען חאַפּט פּשוט פֿון די הענד. אַ רענדעל אַ יאַגעדע. גאַנץ דאַטשע פּרעגעלט וואַרעניעס... אַ פֿונט פֿינף מעהל-צוקער איז פֿאַרהאַן ביי מיר, ועסטו קויפֿען אַ פֿיער פֿונטלעך מאַלינע, וועט עס קלעקען. וועלען מיר אויך פּרעגלען וואַרעניע און זיין לייטען גלייך.

אויף מאָרגען, קוים אָבגע'פּטר'ט מיין אַרבייט אין שטאָדט, לאָז איך מיר לויפֿען אויפֿ'ן מאַרק נאָך מאַלינעס. איך לויף און פֿליה ווי אַ פֿער'סמ'טער, וואָרום איך דאַרף דאָך נאָך מיט די מאַלינעס פּאָספּעען צום פּאָיעזד. איך קום צו לויפֿען — שוין נאָכ'ן מאַרק! ניִשטאָ, ניִשט קיין גוי'ע, ניִשט קיין מאַלינע אויף אַ רפֿואָה. און קומען צו מיין ווייב אויפֿ'ן דאַטשע אָהן מאַלינעס, אין דער צייט, ווען די גאַנצע דאַטשע, פֿערברענט זאָל זי ווערען, פּרעגעלט וואַרעניע, — איז דאָך ניִשט שייך! וואָרום ניִשט אַזוי די וואַרעניע אַליין איז מיין ווייב אויסען, ווי גאָר אַנ'אַנדער זאַך: וואָרום אַז מיין ווייב וועט זיך אַוועקשטעלען אויפֿ'ן הויף אין איהר טערקישען קאַפּאָט פּרעגלען וואַרעניעס און וועט דאָס מיט'ן הילצערנעם לעפֿעל אַראָבנעהמען די אויבערשטע, ווי הייסט דאָס דאָרטען, די באַרבעריצע, און דאָס פֿייער וועט צו-קנאַקען און די בעקלעך וועלען דאָס אַביסעל צעפֿלאַמען, — וועלען דאָך די דאַטשניקעס און דאַטשניצעס איינעהמען די כפּרה! וואָס דען, מיינט איהר, איז זי אויסען?

לויף איך אַזוי און שטוים זיך אָן אויף אברהמ'ל ביילעס פּרוכט-קראָם און דערזעה ביים שוועל שטעהט אַ קערביל מיט ראָזעווע, גרויסע, ליכטיגע מאַלינעס. עס איז מיר ליכטיג געוואָרען אין די אויגען.

— וויפֿיעל, — פֿרעג איך — איז דאָ פֿאַרהאַן?

— פּונקט פֿיער פֿונט. — ענטפֿערט מיר אברהמ'ל באָניעס.

— און וויפֿיעל קאָסט אַ פֿונט?

— 12 קאָפּיקעס.

ס'פֿערשטעהט זיך, אַז איך האָב אַ קאָפּיקע אַראָבגעדונגען. 11 קאָפּיקעס הייסט דאָס. און חאַפּ דאָס קערבעלע מיט די מאַ-

ליגנעם און לויף צום סטאנציע. דער פאיעזד ריהרט זיך, איך שפרינג אריין. אין וואגאן איז ענג, קיין נאדעל נישט אריינצו־שטעקען. קוים מיט צרות זיך איינגעמאסטשעט און טרייסעל זיך, מען זאל ח"ו מיינע מאלינעס נישט צוקוועטשען, עס זאל קיין מאלינקע אויף דער ערד נישט פאלען, עס זאל קיין האר פון זיי ניט געמינערט ווערען, און איך זאל קענען קומען מיט מיינע מאלינעס בשלום אויפ'ן דאטשע צו מיין ווייב און קינדער.

— וואו האט איהר געקריגען אזעלכע שענע מאלינעס? — גיט מיך א פרעג א פול־געפאקטע דאמע ביי דער זייט מיט א דריי־גארענדיגען גיידער. און איידער איך אוספעע צו ענטפערן, ליעגען שוין עטליכע מאלינעס ביי איהר אין מויל און זי פאט־שמאקעוועט זיך:

— זויערליך, נאר עס דערקוויקט.

— אזוי? עס קוויקט? — חאפט אונטער א צווייטע דאמע מיט א פנים ווי א ווייקשאפט מיט רוי פליש און א בויך ווי א קעסעל־פויק — הען... דערהער איך נאר פון א זויערקייט מיט א קוויקעניש, ווער איך אוים מענש... א נארישקייט גאר, אט האב איך אנוסטען געדארפט זעהן ווי מען האט אין אנ'ארט געגע־סען געזאלצענע פיש, בין איך שיער אין חלשות נישט געפא־לען... ביז מען האט מיר געמוזט געבען א שטיקעל, אט האב איך זיך אט'חיה'ט.

— נישקשה, נעהמט א פאר. — זאגט די ערשטע דאמע צו איהר און זשעברעוועט אן א פולען הויפען מאלינעס און דערלאנגט איהר. א בעלת־צדקה אויף יענעמס, — נישקשה, — זאגט זי — דער יונגער מאן וועט גארנישט האבען דאגעגען. וואס זאגט איהר, יונגער מאן?

— א, מיט'ן גרעסטען פערגניגען! — ענטפער איך. און אין הארצען טראכט איך: הלואי, וואלט איהר זיך ביידע דערווער־גען, עס זאל זיך אייך שטעלען אין האלז דיבאם, נישט אהין נישט אהער, עס זאל אייך ארוים באקאם, הלואי!

אין א מינוט ארום האבען זיך צו מיינע מאלינעס צוגע־לאבוניעט נאך א פאר טראגעדיגע ווייבער און נאך עפעס א מאנסביל און ווידער־אמאל א ווייבעל, — ווער ווייס, וואס פאר

א חורבן עס וואלט פון מיינע מאלינעס געווארען, ווען דער קאנדוקטאר זאל ניט געווען בעצייטענס אויסרופען:

— סטאנציע דאראגאנאווע!

ווי פון א שרפה האב איך זיך געלאזט לויפען צו די דאטשעס. געבראכט די מאלינעס, צוועקגעשטעלט, אבגערוקט זיך אן א זייט, און געווארט אויף מיין ווייבס מבינות, ווי א פערשולדיגטער אויף דעם פראקוראָרס רעדע. נאר געווים וועט זי מיר היינטיגעס מאל מהנא זיין מיט א שמייכעל: א שפאס אזעלכע מאלינעס, אז גאט און לייט מעגען זיך פרעהען, א וואגאן מיט פאסאזשירען האבען זיך געקוויקט...

מיין ווייב האט גענומען א מאלינע, אריינגעלעגט צווישען די ציין, פערקארטשעט א זויערע מינע, אויסגעשפייט און געזאגט:

— נו, זאג-זשע אליין, קען מען זיך אויף דיר פערלאזען? ביזטו נישט קיין אידיאט? וואס האסטו געבראכט, וואס? מען קען דאך דאס אין מויל ניט נעהמען. איך האב דיר געהייסען קויפען מאלינעס צום פרעגלען: פראסטע, קליינע, גוי'שקע, זיסע וואלד-מאלינעס, געהסטו און קויפסט סאד-מאלינעס, א ביסעל ראפע, עסיג, זאלץ-וואסער, און דער שווארצער יאהר ווייס וואס דאס איז! ווער קען זיך דאס אננעהמען צוקער צו פרעגלען אזא סם-המות?! און ווער קען דאס גלאט פרעגלען אזעלכע סאד-מאלינעס, אז דעם ערשטען זאד ווערען זיי צוקראכען און צופאלען ווי קוואטש! סורים-בורים און נישט קיין ווארעניע! אט דאס וואס מען זאגט טאקי: אז אנ'אלוך געהט איבער די קראמען, פרעהען זיך אלע קרעמער.

ווי זאגט איהר? בין איך נישט מחויב צו זיין א בקי אין הלכות ווארעניע-פרעגלעכץ?

איז וואס-זשע בלייבט? ארויסווארפען די מאלינעס אין בלאטע, פאר חזירים? — ניין. עס בלייבט, אז מען דארף נאך 4 פונט צוקער, און דאריבער טאקי מוז איך פערקעהרען די אגלאבליעס און מארש צוריק אין שטאדט אריין, בכדי איך זאל קענען מארגען זיין מיט דעם צוקער צוריק.

— אפשר איז א סברה, דאס איך זאל היינטיגע נאכט איבער-נעכטיגען דא אויפ'ן דאטשע און מארגען פאהרען? עס ברעכען מיר, זאג איך, די ביינער. קוים וואס איך שטעה אויף די פיס.

גיט זי, מיין ווייב, אויף מיר אזא קוק, וואס מען דארף זיין א בעוויבטער און האבען אזא ווייב, ווי מיינע, אום צו פערשטעהן, וואס אזא קוק בעדייט. און דער קוק בעדייט, אז אויב איך וועל היינטיגע נאכט נעכטיגען אין שטאדט און בעסער דארטען צוריכטען צוקער אויף מארגען, — וועט זיין געזינטער פאר אונז ביידע. און אגב, זאגט זי, זאל איך פאר איינוועגס פערהאפען מיט זיך די פאן און דעם טאזיק אין וואס צו פרעגלען די ווארעניעס און דעם אייזערנעם דרייפוס און פלעשער א פאר און סלאיעס גלעזערנע אויף די ווארעניעס אריינצוגיסען און די גרויסע הילצערנע לעפיל אויף אראבצונעהמען די אויבערשטע, ווי הייסט דאס דארטען — די בארבעריצע... איהר זענט אפשר א מבין, ווי אזוי מען קען דאס אלץ אריבערפיהרען אינאיינעם: א פאן, א טאזיק, מיט פלעשער, מיט סלאיעס גלעזערנע און מיט אן אייזערנעם דרייפוס און מיט א הילצערנע לעפיל אויף אראבנעהמען די בארבעריצע און על כולם 4 פונט מעהל-צוקער? נאר געלויבט דער אויבערשטער. ווי עס איז אריבערגעפעקעלט דעם גאנצען טאראראם מיט די גאנצע קלאפערגעצייג אויף דער סטאנציע דאראגאנאווע, און לאז זיך מיר געהן אנגעלאדען ווי א ווערעבליוד צו די דאטשעס, ערשט פלוצלונג — בוך! פאלט ארויס דער פעקעל מעהל-צוקער; עס צורייסט זיך די פאדעם און עס פלאצט דאס פאפיר און דאס גאנצע מעהל-צוקער צושיט זיך אויף דער ערד ווי א שפריי-רעגען.

ביטער! איך וויל זיך גאר פאר מיין ווייב נישט ווייזען. א כפרה דער וואלד מיט דער דאטשע, מיט דאס אויסרוהען זיך, מיט דאס איבערנעכטיגען, מיט די לופט, און לאז זיך מיר צוריק מיט דעם גאנצען טאראראם אויף זיך, מיט דעם פאק קלאפערגעצייג און חאפ דעם ערשטען בעסטען צוג, וואס געהט אין שטאדט אריין, און פאהר.

אויף מארגען בין איך שוין ווידער דא אויף דער דאטשע מיט פרישע 4 פונט מעהל-צוקער, אנגעלאדען מיט דעם גאנצען הארא-מידער און קלאפערגעצייג און פאל אריין בשלום צו מיין ווייב אויפ'ן דאטשע א פערמאטערטער, א פערשוויצטער. און חאפ נאך פון מיין ווייב אנ'אטפעטשאטאק: אויף 2 קיילעכדיגע מעת-לעת פערפאלען געווארען! וואס? געדארפט קויפען 4 פונטליך מעהל-צוקער!... נאר מילא א סוף זאל עס שוין נעהמען, שוין אלעס דא.

אי מאַלינעס, אי צוקער, די פאַן, דער טאַזיק אין וואָס צו פּרעגלען און פלעשער און סלאָיעס אין וואָס די וואַרעניעס אַרײַנצוגיסען און אַ דרײַפוס און אַ גרויסע הילצערנע לעפּיל אַראָבצונעהמען די אויבערשטע, ווי הײסט דאָס דאָרטען — די באַרבעריצע... הכלל, אפשר איז אַ סברה, אַז מען זאָל זיך שוין נעהמען צו די וואַרעניעס? און מײַן ווײַב טהוט זיך אָן אין איהר טערקישען קאַפּאָט און איז זיך מכין צו דער עבודה, ווי אַ פרומער יוד צום סדר. און איך מאַך מיך אויך גרײט צו זײַן איהר בײַ דער האַנד, וואָרום איך ווײס, אַז באַלד וועט זיך ערשט אָנהויבען אַ גאַנצע סדרה: שמואל, אַהער! שמואל אַהין! שמואל, דערלאַנג מיר דאָס! שמואל, דערלאַנג מיר יענץ! נאָר, געלויבט דער אויבערשטער, דאָס גרעסטע העלפט אַרבײט שוין אָבגעטהון. אַלץ שוין אַריבערגעבראַכט פון שטאָדט. דאַכט זיך, עס פעהלט קײן זאַך נישט. נאָך אַ שעה, נאָך 2 און די וואַרעניע וועט שוין זײַן פאַרטיג, וועל איך מיך ערשט קענען אויסרוהען, אויך פערזוכען דעם טעם פון דאַטשע. און מיט אַזעלכע פרעהליכע געדאַנקען און גוטע האָפנונגען לאָז איך מיר אַרוים אויפ'ן הויף צונויפקלײַבען שפענדלעך און אָנשפּאַלטען אַ ביסעל קין און לעג מיר פונאַנדער אַ פײַער אויף צו פּרעגלען די וואַרעניעס. ערשט איך דערהער פון שטוב אַרוים קולות: מײַן ווײַב שרײַט, שילט, זידעלט. וואָס איז? זי האָט זיך געכאַפּט: די גאַנצע מאַלינעס זענען ווערימדיג געוואָרען. הימעל, עפען זיך! און אַז די מאַלינע איז ווערימדיג געוואָרען, איז וועמענס חטא, מײנט איהר, איז דאָס? מסתמא מײַנער. וואָרום ביז וואַנען — שרײַט מײַן ווײַב — איך קעהר זיך פון דאַנען אַהער, קענען נישט נור מאַלינעס ווערימדיג ווערען, נאָר טשוועקעס קענען אָנהויבען בליהען, חזירים קענען זיך אויסלערנען טאַנצען אַ קאָזאַצקע; נאָכ'ן מלאך־המות דאַרף מען מיך שיקען, אין דער ערד אַרײַן מיט'ן קאָפּ מיט די הענד און פיס און לײַב און לעבען... הכלל, איך האָב געקראָגען וויפיעל אין מיר איז אַרײַן.

און דער פועל יוצא איז, אַז איך האָב געדאַרפט לויפען צוריק אין שטאָדט אַרײַן קויפען מאַלינעס.

און אָט איצטער, ווי איהר זעהט, פאָהר איך דאָס צוריק אויפ'ן דאַטשע. אַ האָפנונג — דאָס לעצטע מאָל שוין... און אָט דאָס אָ, ווי איהר זעהט, פיהר איך דאָס די מאַלינעס. די מאַלינ— — — האַ? וואָס איז דאָס? — — — וואו איז דאָס די מאַלינעס

אהינגעקומען! ? — — מײַנע מאַלינעס וואו איז דאס אהינגעקו־מען? !! — — מײַנע מאַלינעס! מײַנע מאַלינעס! — איהר האט אופגעגעסען מײַנע מאַלינעס! — —

— בערוהיגט זיך — האב איך געשטאמעלט דערשראָקען — גאט איז מיט אײַך... איך האב געזעהן... עס שטעהט... האב איך גענומען צום מויל... איך האב געמיינט איהר האט עס גע־קויפט... אויפ'ן וועג צו קוויקען זיך... איך האב זיך געקוויקט... פאסקודנע אין מויל... געקוויקט...

— געקוויקט!? געקוויקט האט איהר זיך?! געקוילעט האט איהר מיך! געקוילעט אהן א מעסער!... רוצחים! גזלנים! וואס האט איהר צו מיר? ראזבאָיניקעס! בלוט־זויגערס! מײַנע מאַלי־נעס! מײַן בלוט!... בלוט!...

זײַנע אויגען זענען געווען פערלאפען מיט טרעהרען, זײַנע נעזלינער האבען ברייט געציטערט, פון מויל האט געשפריצט מיט פיענע און זײַן גאנצעס פנים האט אויסגעדריקט ווי מען וואלט נאך וואס פאר זײַנע אויגען זײַן איינציג קינד אוועקגע־קוילעט און ער זוכט צו נעהמען נקמה... מיט זײַנע טרייסלענ־דע הענד האט ער זיך אנגעחאפט אן מײַנע לאטצען, געטריי־סעלט מיך און געשריגען:

— רוצח! מערדער! וואס האסטו געהאט צו מיר?! מײַנע מאַלינעס! מײַנע מאַלינעס!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואס איז געווען דער סוף, ווילט איהר וויסען? וואס זאל זײַן. אין א האלבע שעה ארום איז מײַן פארשוין שוין ווידער א מאל געזעסען אין פאיעזד, וואס געהט צוריק אין שטאדט אריין.

דאס איז ער געפאהרען אין שמארט קויפען מאַלינעס.

# נַחת פון אַזוהָן.

ערצעהלט פון אַ טאָמסקער יודענע, וואָס רעדט אַרויס זעהר שאַרף אַ „ר״.

מסתמא מיר אָנגעחתמ'עט פון גאָטען נאָך פון ערב שבת הגדה, אַז איך זאָל האָבען דאָסאַדנע הײַנטיגען יאָהר... איהר אויף מיר קוקט, מאָלאָדאָי טשעלאָוועק, וואָס איך קען רײַדען אידעש? — ווען איך נאָך געווען אַ כּאַלנע — איך נישט געקענט רײַדען אידעש. אָבער גאָרנישט... מיר דער שוחט אויסגעלערענט רײַדען אידעש גוט... מײַן מאַן געזעהן, איך קען רײַדען אידעש גוט, — ער מיר געקויפט אַ פּאָר סערגעס... גרויסע. אַזאַ שטיק גאָלד זאָל... אַ משיח קומען...

עך, דאָס געווען אַ מאַן!... ניקאָלײַ מיכײַלאָוויטש, צאַרסטוואָ יעמו נעבעסנאָיע... אַ ניקאָלײַעווסקער סאָלדאַט... סאַר'אַ פּאָטשאָט געהאַט! אַי, אַי, אַי!... איך מיט איהם געגאַנגען ראַשעשאָנע אין שוהל... דעם אַנדער טאָג מיר געגאַנגען... מיר ניט געגאַנגען דעם ערשטען טאָג — מיר ניט געוואוסט... געקומען אַנטאָן איוואַנאָוויטש, אונזער סאָסיעד. ער זאָגט: ניקאָלײַ מיכײַלאָוויטש, בײַ אײַך הײַנט פּראַזדניק, — מיר געגאַנגען אין שוהל... אַ סלאַוונער טשעלאָוועק געווען מײַן מאַן... פּאַר פּאָקראָווע געשטאָרבען ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר אַ גוטער בעטער... איך געקויפט אַ סוועטשקע... איך געוויינט... געוויינט, מיך איבערגעלאָזט אַ נעסצשאַסטנע וודאָוואַ... ניט זינדיגען קעגען גאָטען... איך געוואוסט, איך בלײַב אויף געהאַלטע צרות...

איהר פרעגט, מאָלאָדאָי טשעלאָוועק, וואָסערע צרות?—פון מײַן זוהן וואָלאָדיאַ האָב איך געהאַקטע צרות.... אַזוי ניט אַ פערזינדיגען צו גאָטען — אַ גוטער זוהן... אַ גאָלד... אַז איך, אָלע השאָלע, אײַן האָרע, קראַנק געווען — וואָספּאַלעניע ליאָבקיך—

ער מיר געהיט ווי די אויג אויפ'ן שוואַרצאַפּעל... געלאָפֿען צו דאָקטערם... ליעקאַרסטוועס... טאָג ווי נאַכט מיך געקאָליעט... ביז איך געזונד געוואָרען. טהייערער מיינער זוהן... בורליאַנט... דעם לעבען פֿון דיר... ראַק געלערנט, ראַק געזאַנימאַיעט צאַך... אַ קאָרטען נישט אַ שפּיל... אַ בראָנפֿען נישט אַ טרונק... אַ שיקסע נישט אַ ליוף... סעם געקאָנטשעט גימנאַזיע... סעם... דער די־רעקטאָר איהם געקוואַליעט... אַי, אַי, אַי!... זאָל מיר גאָט אַזוי העלפֿען... איך וואַרט היינטיגען יאָהר, — ער פּאָסטופּאַיען אין אוניווערסיטעט,—איך האָבען אַ נחת פֿון אַ זוהן... אַ שטודענט...

איך וואַרט און וואַרט... ער נישט פּאָסטופּאַיעט אין אוניווער־סיטעט... איך צו איהם זאָג: וואָלאָדיאַ, פֿאַרוואָס דו נישט פּאָסטופּאַיעסט אין אוניווערסיטעט? ער זאָגט: איך זיי נישט, מאַמאַשאַ, אַ פּראַוואָסלאַוו־נער; איך זיי אַ ייד איך נישט קען פּאָסטופּאַיען. איך נישט וויל אַ שמד'ען זיך... מיינע שונאים'ס אויף לייב און לעבען, נו, טאַק וואָס? דאַרף מען טאַקי פּראָפּאָדאַיען? נעמט מען און מען אַ אַ שמד צאַך—און האָדיע!... ווי זאָגט איהר, מאָלאָדאָי טשעלאָ־וועק? די נשמה איז ווסיאָ ראַוונאָ ווי אַ רעטאַך — נישט אַהין און נישט אַהער... רעד צו איהם, רעד צו אַנ'אַרבעס אויף אַ וואַנד. ער נישט וויל אַ שמד'ען זיך און האָדיע... ניט און ניט... נעסצשאַסטנאַיאַ יאַ זשענשצינאַ!...

אַלע טאָוואַרישצעס סעם גע'שמד'ט צאַך... סעם... באָרים יעפֿימאָוויטש, יעווגעני סערגעיעוויטש, אַננאַ מיכייל‏אָוונאַ... דער סעם אינזשינער־טעכנאָלאָג, דער כעם אַ וורואַטש... נור מיר אַ נעבאַך נישט באַשערט צו האָבען אַ נחת פֿון אַ זוהן. איך דאַרף דאָס אַ סטראַדאַיען!... אַך, באָזשע מאַי, באָזשע מאַי!...

מיין ברודער, אַרקאַדי פּעטראָוויטש, איהם זאָגט: וואָלאָ־דיאַ, איך דיר ליעב ווי מיין דושאַ. דו נאָך יונג... דו דאַרפֿסט געהן דינען אין וואָיענע סלוזשבע. דו בעסער פּאָסטופּיי אין או־ניווערסיטעט, — דו נישט דאַרפֿען געהן אין סאָלדאַטען... ביי לייטען אַ נחת פֿון קינדער... שמד צאַך... מיר האָבען אַ גוטען גאָטען, ער דיר און אונז אַ העלפֿען... ער, מיין זוהן, אונז הערט ווי אַ נעלעטיגער שניי...

איינמאָל, סעם באַלד איבערגערעדט. איך און מיין ברודער אַרקאַדי פּעטראָוויטש סעם איינגערעדט... צוגעשטאַנען... איך

געוויינט, געקליאַנטשעט: האָב ראַכמאָנע אויף מיר, נעסטשאַסטנאַיאַ זשענשטשינאַ. איך דיין איינאיינציגע מאַמאַשאַ. וויפיעל איך געסטראַדאַיעט ביז איך דיר אויסגעהאָדעוועט... ער סעם גענומען אַ איזוואָשטשיק, געפאָהרען צום קסיאָנדז. ער וויל צום קסיאָנדז — זאָל זיין צום קסיאָנדז... מיין ברודער אויך געפאָהרען, אונזער סאָסיעד אַנדריי גאַווריליאָוויטש אויך געפאָהרען, דער דירעקטאָר און דער קרעסטני אָטיעץ כאַריטאָן וואַסיליעוויטש — אַלע געפאָהרען... מיין זוהן, וודרוך, פון געלער הויט, זאַך צעוויינט, אַראָבגעלאָזען אַ טראַך מיין ברודער, זיין אייגענעם דיאַדקע, איבער מאָרדע; אויסגערעדט כל שמשים אויף זיין קאָפּ, אַראָבגעשפרונגען פון איזוואָשטשיק און אַ טיאָק דאַ אַ טיאָק...

אָך — כאָ־כאָ־כאָ! האָספאָדי באָזשע מאָי... בין נאַכט ערשט געקומען אַהיים, אַ סטראַשנער... די אויגען רויט... עין הרע קראַנק געוואָרען... גערופען דאָקטערם... אַפּטייקען, ראַסטראָיסטווע... ליעקאַרסטווע. איך אַ מאַמאַשאַ, אַנ׳איינאיינציגע מאַמאַשאַ, — מיר ווערה דאָס האַרץ, וואָס איך קען טהון?

האָט אַ פּערזיבעל נישט, מאָלאָדאָי טשעלאָוועק, איך אויף אייך אויסגעגאָסען מיין ביטער האַרץ. ווי זאָגט אַ פּאָסלאָוויטצע: אַנ׳אָקס האָט אַ לאַנגע צונג און... קיינער נישט ווייס וועמען אַ שוך אַ קוועטשט. אָך — כאָ־כאָ־כאָ...

# אַנ'אַלטער בעל־תּפֿלה.

לאַמשטאַ־איראַם, לאַמשטאַ־איראַם,
לאַמשטאַ־איראַם, לאַמשטאַ־ראַ־אַם...
אײַ, איז דאָס „אַ שטעל" פֿאַר יעלות!
ממש גאונות, פֿײַער־פֿלאַם!...

עך, ניטאָ שוין יענע יאָהרען,
שוין נישט דאָס גאָר, וואָס אַמאָל;
נישט די צײַטען, נישט די כּחות,
נישט די געמבע, נישט דער קול.

כ'פֿלעג אויסקלײַגען אַ דאַוונען,
פֿלעגט שוין זײַן די שוהל געפּאַקט.
„בלאַט" געלײַענט, „קלאַוואַטורע",
אויפֿ'ן קאַמערטאָן, מיט טאַקט.

הײַנט אַ „זאָלאָ" איך פֿלעג זאָגען,
פֿלעגט דאָך ציטערן די שוהל,
שררות פֿלעגען קומען הערען,
גענעראַלען, ממש, פֿול:

די קאַפּעליע אַרבײַט מעשים:
לאַמשטאַ־איראַם!... ס'קעהרט די וועלט!
עך, עס איז געווען אַ כּבוד,
עך, עס איז געווען אַ געלט!

דאָ, אַ שטייגער, זאָגט אַן׳אַלטיל:
יעלה, יעלה... סאַמעט־וויַיך;
תּחנו—נ־נ־ו, — האַפּט איהם אונטער
אַ סאָפּראַנטשיק קוויטשיג־הויך.

ברומט אַ באַס: אוי, יעלה תחנו—-.
נ־נ־ו— העלפט איהם אַ טענאָר —
תּחנו — נ־נ־ו, אוי, מערב!...
פאַלט אַריין דער גאַנצער כאָר

דאָ זאָג איך אַליין אַ „וואָלעך",
געה אַ „שטייגעריל" מיט טעם:
אוי, אוי, יעלה תחנו—נ־נ־ו...
ציהט דער כאָר אַ טאָן: טאַ—ראַ—ראַם...

יעלה תחנו —— קלו־קלו, קלו־קלו...
עפּיס הוסט זיך מיר אַזוי.
ווען איך האָב אַ שטיקעל צוקער,
מאַך איך זיך אַ גלעזיל טהיי.

עך, וואו זענען יענע יאָהרען,
יענע ליעבע אלול־צייט,
ווען איך בין נאָך יונג געוועזען
און געפּיהלט זיך אויך אַ לייט.

איך דערמאָן מיך יענע אָווענדס:
ליכטיג אינ׳ם שטיבעל, זיס,
זינגער, געסט און גלאַט זיך שכנים,—
אַ מנינים דריי געוויס.

בעריל־פייפעל, חיים־גאָרגעל,
נאָטע־באַס און לייב־האַמזון,

וואס ער מאכט דיר נאך משיקאווע
אי א חזיר, אי א הוהן.

היינט ר׳ גרשון־משה־ברוכ׳ס,
וואס ער איז געוועזען שוין
אין אדעס, געהערט דעם ארגעל —
פלעגט ער קומען אויך צוגעהן.

חברה זינגער „קלאפען נאטען״, —
„איצעס סידור״, „פיצעס גאנג״,
אפערעס פון „קוני־לעמעל״, —
פול די שטיבעל מיט געזאנג.

און מיין שמואל׳יק — מיין בן־יחיד
ארבייט מעשים הויך און דין.
א סאפראן — א קאנארייטשיק;
זינגט מיט תשוקה, הארץ און זין.

אי, איז דאס געוועזען א כלי!
שטארט האט זיך געבענשט מיט איהם;
אויף די קעפ איז מען געשטאנען,
ווען ער פלעגט נור „ווייזען שטים״.

בעט ער זיך: אוי, אם כבנים —
חליפען אלע אויפ׳ן קול!...
עך, נישטא גאר היינט די זינגער,
נישט די זאלען, וואס א מאל.

בצאת ישראל — פלעגט איהר הערען,
ממש ווי דער פאיעזד געהט!
כבקרת רועה עדרו —
און איהר הערט: דעם פאסטוך׳ס פלייט.

און דער סאמאוואר זידט פרעהליך,
זשומעט, פאלט אריין אין טאָן,
און מיין אלטע גיסט א יעדען
טהיי (און דוקא זיסען) אָן.

איך אליין טרינק „גאָגעל־מאָגעל״,
אייער קויפט מען אויפ׳ן שאָק, —
נישט בחנם האָט מיין שטימע
דאָן געקלונגען ווי א גלאָק!

היינט — נישטאָ שוין יענע יאָהרען,
שוין נישט דאָס גאָר, וואָס אמאָל,
נישט קיין הארץ און נישט קיין כחות,
אָהן אנ׳אָטעם, אָהן א קול.

ווייט אוועק איז שוין מיין שמואל׳יק
לערנען חכמת המוזיק,
א „מאָקראַט״, זאָגט מען, געוואָרען —
נישט געקומען שוין צוריק.

אין סימביר פערשיקט... איך וויים נישט,
וואו־אהין איז זיין געבליין;
און מיין אלטע אויך געשטאָרבען;
בין איך עלענד און אליין.

דאוועך איך אצונד אין „מנין״
שחרית, מוסף, אָהן א כאָר, —
זיבען קארבען, אָהן דער קערה...
לעב דערמיט א גאנצען יאָהר!

מילא, וואָס־זשע קאָן מען העלפען —
לאמשטא־איראם, לאמשטא־ראם!...
כ׳לעבען, גאָר א גאָלדען „שטעלע״,
ממש גאונות, פייער־פלאם!...

ציהט דער לאָר אַ טאָן: עטאַ־איראַם...
גיעט אַ ביי־קול זיך א הויב:
יעלה תּחנוננו — נ־נ־ו!...
דאָ ברום איך שוין ווי אַ לייב.

יעלה תּחנו־נ־נו —— קלו־קלו...
עך, עס הוסט זיך מיר אַזוי;
ויען איך האָב אַ שטיקעל צוקער,
מאַך איך זיך אַ גלעזיל טהיי.

# פּאָעזיע און גראַמען.

## מַשָׂא־טֶעאַטֶער.

(נאָך ביאַליק).

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
שמיעד־אוים אַ האַרץ פֿון האָלץ און היי,
פֿיל־אָן דײַן קאָפּ מיט מאָך און שטרוי, —
אין יודישען טעאַטער גײה...
און זעץ זיך ברייט אַוועקעט דאָרט,
און דוקא אויף אַ פּרעמדעס אָרט...
און טאָמער זאָגט מען דיר אַ וואָרט:
דו האָסט פֿערנומען יענעמס פּלאַץ,
טאָ הער איהם דאָרטען ווי די קאַץ...
און טאָמער ט׳יענער זיך באַוועהרען,
און זיך ניט לאָזען, וועלען שטערען,
טאָ האָב קיין מורא, עס וועט ניט שאַטען;
דו מאַך איהם הויך: „אין טאַטענס טאַטען״ —
אַזוי, אַז אַלע זאָלען הערען.
און זאָג: „איך האָב דיך אין דער ערד!״
און בלייב זיך זיצען אונגעשטערט...

איך האָב געפּאָלגט און בין געגאַנגען.
מיין וועג איז פֿול געווען מיט קופּעס
פֿון שאָלעכץ, מיסט און ג[illegible]סקאָרלופּעס...
איך האָב פֿערנומען ווילדע קלאַנגען:
מיליאָטע! ... הוי ... שוין צייט! ... באַדאַנע!...
אַ קרענק דיר!... בראַוואָ! בים! ... קורנאָסע!...

וואו ביזטו?!... שאַ!... אוי, שלעפּעטראַנע!...
מײַן פּוס!... אוי, שטילער!... משה־יאָשע!...

איך האָב געשפּרײַזט ווי אין אַ שלאַכט
מײַן רוקען פאַר אַ ציעל געמאַכט
פאַר סעמעטשקעס, טאַראַן און ניס
און בײַנדלעך פון געהאַקטע פיש,
וואָס האָבען באָמבאַרדירט אַרום
און מיך געמאַכט שיער פאַר אַ מום...

און לאַנג בין איך אַרומגעקראָכען,
און האָב געטהון מיט גבורה שטרײַטען
און מײַנע עלענבויגענס־קנאָכען
געלאָזען פרײַ אין פרעמדע זײַטען. —
איך האָב מײַן פלאַץ שוין אין דער האַנד!
נאָר מיך בעגעגענט האָט אַ וואַנד!
אוי וועה! אַ וואַנד פון לענד און רוקען,
פון פלײצעס, היט און אַחורים
פערשטעלט האָט מיר צו זעהן און קוקען.
און פינסטער ז'מיר ווי אין מצרים...
איך האָב געבעטען זיך מיט האַרץ:
אוי, זעצט זיך, גוואַלד, איהר מאַכט מיר שוואַרץ.
עס שטעהט פאַר מיר אַ שוואַרצע נאַכט.
נאָר מיך בעגעגענט שפּאָט און שאַנד;
מײַן תּפילה האָט געהערט „די וואַנד",
און מײַן געבעט איז אויסגעלאַכט...

טאָ ווײסט, איהר אומגליקליכע, ווײסט,
איהר ווילט נישט פּזלגען, וואָס מען הײסט.
און ווילט נור אין צו־להכעיס געהן, —
טאָ ווײסט, דער סוף וועט זײַן נישט שען!
איך בין קײן לעקיש נישט, געווים!
איך בין געבענשט פון גאָט מיט פיס.
ווען איהר וועט זיצען, וועל איך שטען!

יוען איהר וועט שטעהן, בין איך נאך העכער!
און זענט איהר הויך, בין איך נאך פרעכער!
און קריך ארויף מיר אויפ'ן באנק,
און ציה זיך אויס, ווי איך בין לאנג,
מיט הענד און פיס, מיט האק און פאק.—
איך מוז דאך הערען דאס געזאנג,
און מוז דאך זעהען דעם „ספעקטאק”.

איך האב געזעהן... א, גאט אין הימעל!
פארוואס האסטו מיך נים פערבלענדט?
פארוואס האסטו דעם קינסטלער־רומעל
נים אבגעהאקט די פים און הענד?
פארוואס האט דער אנטרעפרעניאר
און דער אקטיאר און דער פערפאסער,
א, נים געטרונקען רויע וואסער
אין דעם האליערעדיגען יאהר?
פארוואס איז אט די גאנצע בינע,
א, נים געוועזען אין מעסינע,
נים גאסטראלירט צומאל אין כינע,
ווען די טשומא געוועזען איז דארט?...

און גאט האט מיר געזאגט אזוי:
דו מאך א הארץ און וויטער שטעה.
און האב געדולד, נים פייף, נים שריי,
און ווער אנשטומט, פערליר קיין ווארט,
און שווייג און זיי א שטומער עדות,
און זעה דעם טעמפעל, קונסט־סאראי,
וואו דיינע ברידער, שוועסטער, זיידעס
און מענער, וויבער, זיהן און טאטעס
פערווילען זיך מיטווילדע שמאטעס,
מיט שמוץ און מיסט און חזירי...
דו זעהסט, וואס שימעל — גאנצע תהום'ען!
דו הערסט: א טערק זינגט הללויה'ס
און מיט הקפות געהען גוי'עס

און מאכען גרויס אין מיסט מיין נאמען...
אט איז א „גוטער יוד", וואס שמד'ט זיך
א גראף, א גענעראל, וואס קראצט זיך,
א רב, וואס שיסט פון א פיסטאל,
א טאטער דאווענט מיט כונה,
א ציג זינגט: אתה בחרתנו,
און פרייזט דאס ליעבע פאלק ישראל...

קוק ווייטער, זעהסט דעם פעקעל האנצען,
לארימטען מיט די זשאבע-שטימען,
מיט ווילדע קיקעמארע-גרימען,
וואס קלעפען אונטער אויג די וואנצען...
מיט קלאטשע פאות, בערד, וואס שטעקען
ווי אויסגעקראכען-קליאטשע-עקען...
און פרימאראנעס ערשט פון קיך,
און טראגיקער, וואס נייהען שיך,
און זינגען נבול-פה-קופליעטען
מיט טענץ און קונץ-שטיק אומגעלומפערט.
דו זעהסט אט דארט ביי א סוברעטין
א ברעג פון מייטקע איז פערכליומפערט,
א הויז ביים „סטאר" איז ניט פערריכט...
צו-וואס פערשטעלסטו דיין געזיכט?...

וואס איז, בן אדם? טהוסט זיך שעמען?
די שאנד איז גרויס? עס טהוט דיר קלעמען?
א, קוק, ניט לאז אראב די ברעמען.
און קוק, אהינצו, צום גאליארקע,
דארט זיצט א טודרוס, שמערקע, שרקה,
טא וואס-זשע איז מיט זיי דער יחוס?
א קוק: זיי שפייען אויף די פליכעס.
און העלפען שרייען, זינגען, בלאזען,
און מאכען ווילדע שטיק און תנועות;
און מיט דעם בייזען טראגיק לאזען
זיי זיך אריין גאר אין א שמועס!

אָ, וועה צו זיי, די בעלי־עגלות,
זיי האָבען זיך צובּיטען ראָליעס!...

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
דו גערה אין מאַרק און קויף אַנ'איי,
און זעה די איי זאָל זיין ניט פריש,
און שמייס איהר אויף דער בּיהנע, שיס,
און גיב אַ פּייף און זאָג דערביי
שטאַרק הויך, אַז אַלע זאָלען הערען:
— אַזוי זאָלסטו צוברעכען ווערען!...

# די פרעסע און דער זשורנאליסט.

עס לעבען אין קאמפף ביי אונז צייטונגען פיער,
צום עהרע און גליק פון דער אומה.
שרייבט איינע „די פגע”, א בריעוועל צו מיר,
און מאלט זיך א מינע א פרומע:

„אדון ליטעראטאר! איהר האט דאך געהערט
פון יענע הולטאיקע, מיין שכנה, —
דאס בלעטעל „די וואנץ”, וועלכע קארמעט און נעהרט אונז
מיט זנות און מיט מעשות געמיינע.

טא זייט אזוי גוט, ליבער הערר ליטעראט,
און זידעלט אויס מיין קאנקורענטען,
און נעהמט אויפ'ן צימבעל דאס־דאזיגע בלאט, —
עס זאל שוין פערזאגען א צעהנטען...”

בעקומען דאס בריעועל, — בין איך מיר נישט פויל
און טאקע אין יענעם טאג גופא
בעשאפ איך א מאמר, וואס נעהמט־אן א גזויל,
פערטייל שוין די מיאוס'ע חצופה!...

און ווייל אויף די צניעות און ליארעם און קלאג
און אלץ מיט דעם טייערסטען לשון.
און שרייב מיר זיך אונטער: „א נעלטיגער טאג”,
און חאפ מיר דערביי א פאר גראשען...

דאַן קומט זי, „די וואַנץ", ווי אַ הייליגער תּם,
און שרייבט מיר: „געעהרטער קאָלעגע,
איהר האָט דאָך, אַ שטייגער, געזעהן, מן הסתּם,
מיין שכנה, דאָס בלעטעל „די פּגע".

איהר לייענט איהר נייע רעקלאַמע אַדורך,
מען דאַרף דאָך אַרויס פון אַ כלי!
טאָ זייט אַזוי גוט און דערלאַנגט איהר אַ שטורך, —
אַרויס זאָל איהר, טאַקע, די זיילע!

פערגיט איהר אַזוי מיט'ן אמת'ן קנאַק!
אַזוי, אַז זי זאָל זיך בעגראָבען!
מיר צאָהלען פער שורה כמעט אַ פּיאַטאַק!
אויב גוט, וועט איהר מעהרער נאָך האָבען!...

באַלד נעהם איך שוין ווידער די פענע אין האַנד,
און טייל איין „די פּגע" מיט מכּות.
און יאָמער: „די פּרעסע, אוי וועה, איז אַ שאַנד!" —
און חאַפּ מיר שוין ווידער פּיאַטאַקעס!...

באַלד שרייבט מיר „די פּגע": „דער נודניק" איז שונד!
היינט פּרעמיעס! — נו האָט דאָס אַ צורה?
טאָ זייט אַזוי גוט און פערטיילט איהם, דעם הונד!
מיר צאָהלען אַ גילען אַ שורה!..."

איך מיין, פּאַרוואָס נישט? אַז אַ גילען איז מעהר!
מען ווייס מיך, אַ פּנים, צו שאַצען.
אָט וועל איך צום „נודניק" זיך געבען אַ קעהר, —
ער וועט זיך שוין האָבען צו קראַצען!...

און נעהם אויפ'ן בענקעל דעם „נודניק" דעם לץ,
און קאַטעוועֶ, בראַק איהם, און האַק איהם!
און שרייב מיר זיך אונטער: „ר' שמענדריק בן געץ" —
איך האָב מיר שוין ווידער ממתּקים!...

באלד קומט מיר א בריעוועל א פיערטער צו געהן
פון סאמע רעדאקציע „די בלאכע״:
„אונז וואונדערט, וואס איהר, אונזער נביא און קרוין,
פערשווייגט זיי, די גאנצע משפחה!

אוי וועה, ווי עס גריבעלט די פרעסע מיט זינד,
מיט ליגענס און זנות און „גורלות״!
א מארק איז די פרעסע געווארען אצינד, —
מען זידעלט זיך ווי בעלי־עגלות.

טא זאגט־זשע ארויס אייער ברענענדעס ווארט,
איהר טארט זיך אצינד נישט בעהאלטען;
מיר גיבען פאר אייער סאטירע אנ'ארט
אויף אונזערע בלאכישע שפאלטען.

און שרייבט פאר איין וועג, אז דאס אידישע גלאנץ
איז דוקא די מוטהיגע „בלאכע״,
און ווייטער — „די פגע״, „דער נודניק״, „די וואנץ״ —
א וועהטאג צו זייער מערכה!״... — .

איך מאך מיר קיין שהיות — די פענע אין האנד,
און גורט־אן די לענדען מיט גבורה!
פערשאב מיר די גאנצענע פנופיה — א בראנד!
און קריג מיר בעצאהלט פון דער שורה.

— — — — — — — — — —

פיער צייטונגען שטעהען ביי אונז אויף דער וואך,
און קעמפפען פאר אמת און יושר —
און איך בין דער נביא, דער קינסטלער פון שפראך
און לעב מיר דערוויל ווי א קיסר!...

# אַבריעף פון דאַטשע.

(נאָך פרוג׳ן).

אַוואַלד, אַגוי און זויער־מילך,
אַחזיר און אַקליאַטשע;
אַשטעהללכיל קליין מיט פליגען פיעל —
איך פּראַווע, הייסט עס, דאַטשע.

און אַלץ איז שטיל און לאַנגווייליג
קיין פּאָליטיק, קיין נייעסען...
ס׳איז היים. איך שוויץ, ווי אין אַבאָד.
און די קאָמאַרעס בייסען.

פון ציוויליזאַציע — קיין לעק:
קיין צייטונגען, ראָמאַנען,
קיין איליוזיאָן, קיין גראַמאָפאָן,
חאָטש נעהם צַנטלויף פון דאַנען!

טאָ שרייב־זשע מיר, אָ, טרייער פריינד,
דו וועסט מיך פשוט רעטען,
וואָס הערט זיך עפּעס דאָרט ביי איך?
וואָס שרייבען די גאַזעטען?

צי איז גוטשקאָוו נאָך אויפ׳ן פערד?
פּילייכט אַנייע פּרי?
איך בין שוין דאָ כמעט אַוואָך —
פּילייכט אַנייע גזירה?

פּיליײַכט אַ גירוש שפּאָגעל־נײַ?
אַבּלבול, אַנ׳אָבּלאָווע?
טאָ שרײַבּ מיר, בּרודער, דען איך בּין
צו וויסען אַרץ טשיקאָווע.

און די „מזרחים" הודזשען נאָך?—
דער „ווײַטער" און דער „נאָהנטער"?
וואָס הודעלט דאָרט דער צעפּיל־קאָפּ?
וואָס וויל ער און וואָס מאָהנט ער?

און וועלכען נײַעם שקר האָט
געבּראַכט די „נאָוו. ווּרעמיא"?
און וועלכע יודישע גאַזעט
האָט צוגעזאָגט אַ פּרעמיע?

פּיליײַכט קומט ערגעץ וואַהלען פאָר
און ס׳קאָכט ווי אין אַ קעסעל?
און ס׳שיסט דער יון פון אַ בּיקס —
און דוקא דורכ׳ן געסעל?

פּיליײַכט אַ נײַ טעאַטער־שפּיעל,—
אַ קונסט־שטיק — סם־המות?
און וועלכע שטעדטיל בּרענט אַצינד?
און וועלכע קלײַבּט נדבות?...

און וועלכע ליטעראַטען יעצט
צודראַפּען זיך די נעזער?
און ווער רופט וועמען: פּאַרך און הונד?
און ווער גיט וועמען בּעסער?

הײַנט אין ליטעראַטור־פעראַיין
בּיזטו דאָך גאָר אַ בּקי —
טאָ שרײַבּ־זשע מיר, וואָס שפּיעלט מען דאָרט
צי סטוקעלקע, צי אָקע?

וואס מאכט דער באק פון „רבי'נס הויף",
דער העלד פון „שווארצען קאטער"?
פון „שרעקליכע געהיימעניש"
וואס מאכט דער פיפערנאטער?

הכלל, דו שרייב מיר אוים פון אלץ,
פון אלעמען געריסען.
פון מיר, דיין טרייער גוטער פריינד,
וואס וויל פון אלעם וויסען.



# דער פּאָעט.

ליעדער באַקען, האַקען, קנאַקען, —
דאָס איז מײַן בערוף;
שירה, לירע, ימ'ען, גראַמען —
נאָך דעם גאַרט מײַן גוף.

דאָס, וואָס קלײנע מענשלעך פּראָסטע
ווײסען גישט קײן לעק,
דאָס דערטאַפּ איך, דאָס דערחאַפּ איך,
פיהל איך און דערשמעק.

זעה איך פרישע גריבען־דריבען,
קלאַפּט מיר אַזש אין מח;
טורקעט, פּורקעט מיר מײַן מוזע,
בורטשעט מיר אין בויך.

קוק, די הימלען שימלען, דרימלען —
זאָגען מיר אַ סוד;
די לבנה — די אַלמנה
געהט זיך דאָרט אין באָד.

כ'ליעג אין גאָרטען קוממיות —
העך דעם סאָלאָוויי,
און די צאַרטע פינגער דרימבלען,
האַפּען דאָרטען פליי...

אַך, ווי עדעל מיט'ן ווײַדעל<br>
ווינקט די ציג צו מיר;<br>
שיט מיט „פּערל" אַ הין־העריל —<br>
ס'איז פֿאַר מיר אַ שיר.

ס'בילט אַ הינטעל, ס'בלאָזט אַ ווינטעל,<br>
מרוקעט וואו אַ קיה, —<br>
עס פֿערלאַפּט מיר אַוש בײַם פּופּעק<br>
פֿון דער פּאָעזיִ.

אָ, דו זעהסט? די געלע זלאַטע<br>
העגנט פֿונאַנדער גרעט. —<br>
כ'הויב שוין אָן פֿון ליעבע ניסען. —<br>
כ'בין דאָך אַ פּאָעט...



# נאַטור.

גערווידמעט דאָס רוב יודישע פּאָעטען,
וואָס בעזינגען די נאַטור.

איהר פרעגט: ווער מיך געלערנט האָט
צו זינגען ווי אַ סאָלאָוויי?
איך וועל אייך אויסזאָגען דעם סוד
וו'אַזוי:

מיך האָט די געטליכע נאַטור ערצויגען...
איך האָב דעם זאַפט פון אַ סאָסנעס בלאַט געזויגען,
פון גראָז און היי...

פערוויגט האָט מיך דער טריללער פון אַ זשאַבע,
דער „קוקו" פון אַ האָן — איבער'ן דאַך געפלויגען...
געקוואָקעט ווי אַן'עלאָ האָט אַ ראַבע
קוה... און מיך געלערנט אייער לעגען...

און איבער מיר געשיינט האָט די לבנה אין סוף חודש,
בעזילבערט ווי מיט ברינדזע אַ בעשמירטער בלין;
און אויף די גאָלדען-גרינע זאַנגען
זענען קירבעסען געהאַנגען—
געשמעקט מיט קנאָבעל און זאַשמין...

דער מויל-עזעל געפּלעפּט האָט שטיל
זיין נעסט אין קוקורוזעס;

גערוונגען האט מיר ליעדער פיעל
דער חזיר אין די לוזשעס...

זיין מילדער סנוק האט מיך מיט לוסט
האלובעט טריי און צארט געקוסט,
און מיר אין אויער שטיל געוועבט:
„בריו־בריו" — א שטילען סוד...

און איבער קוימענס, דעכער־שפיצען,
טשיפענדיג די גרינע מיצען,
האט דארט דעם שמש'ס ציג געשוועבט,
געשוועבט אויף שול און באד...

. . . . . . . . . . . .

איך האב פון בלאטקעלע דעם שטורם־ליעד פערנומען...
און אין דעם רינשטאק'ס וועלען־ברומען
האב איך געהערט דעם רוף צו קאמפף און שלאכט!—

— — — — — — — — — — — —

און אין א זומערדיגע נאכט
האט מיך געוועקט א זאנפטער זשומען־קלאנג,
וואס האט געהודזשעט ווי א כשוף־גלאק.—
דאס האט מען ערגעץ אין א טאז — —
געמעלקט א באק... — — —

# דער מאָדערנער נביא און דער גראַם.

אָ, ניט מיט טינט שרייב איך, מיט בלוט!...
און מיינע ווערטער זענען שטיקער האַרץ.
אין מיינע ביינער ברענט אַ ווילדער גלות. —
איך ווער פערברענט פון מענשען־שמאַרץ!...
און רייסט פון גומען אויס מיין צונג, —
איך ציטער פאַר קיין עשאַפאָט!
פאַר קאַזעמאַטען, שווערדען־קלונג! —
איך בין פּראָפעט געשיקט פון גאָט!!...
און זאָל איך הערען שווערע קייטען קלינגען,
וועל איך מיין ליעד, אָ, פאַר דער מענשהייט זינגען!...
איך קען ניט שווייגען, ווען איך פלאַם פון צאָרען!
די וועלט, אוי וועה! זי גיעהט אין בלוט פערלאָרען!...
אין שאַנד און רויב פערכליאָבעט ווערט די מענשהייט...
די מענשהייט... המם... אַ גראַם... איך דאַרף אַ גראַם
צו מענשהייט...
די מענשהייט... בענשהייט... גענשהייט... כ׳בין פערלאָרען;
ניטאָ קיין גראַם, צו אַלדע שוואַרצע יאָהרען!...
טאָ וואַרט־זשע... איך וועל מיר אומדרעהען די שורה,
פיליייכט בעקומט עס דאַן אַנ׳אַנדער צורה:
די מענשהייט ווערט אין בלוט פערכליאָבעט...
פערכליאָבעט... שצאָבעט... זשאָבעט... שקראָבעט...
נישט גוט... פיליייכט אַזוי... למשל:
עס גיסט זיך בלוט אַזוי ווי ראָסעל!...
די מענשהייט ווערט פון בלוט פערפאַטשקעט!...
פערפאַטשקעט... קאַטשקעט... מאַטשקעט... ראַטשקעט...

ס'איז צרות ! ... שטעהט־זשע ! ... אפשר גאָר: פערבלינעט!...
פערבלינעט ... אינעט ... בינעט ... גינעט ...
אַהאַ ! ... איך האָב ! ... די וועלט איז גוסס ! ...
איז גוסס ... רײַסעס ... און חרוסת ...
חרוסת גאָר? ... די מענשהײַט מיט חרוסת? ...
ווי קומט חרוסת ז'מיטען דריִנען?
אוי גוואַלד, אַ גראַם ! ... כ'פערליר דעם זינען!
בישטאָ קיין גראַם ... צו אַלדע קלאָגען ! ...
כ'מוז מײַן נביאות לאָזען ... נישט דערזאָגען ...

# פּאָראָדיִען.

**שניאור.**

## מַעֲשֵׂי בְרֵאשִׁית.

אַלע נאַכט פּלעגנטשען זיך מיר
מעשׂות, חלומות און נעכטיגע טעג —
װאָס עס פֿאַלען אויף פּוסטע
פֿעלדער און װיסטע װעלדער...

### גאָט, שאַפֿונגס־געדאַנק און אַ בייזע װעטשערע.

### א.

אין אָנפֿאַנג האָט גאָט ניט געװאוסט װער עס האָט איהם פֿערשלײַערט.

אַ גרויסער חאָאָס האָט געהערשט, אַ מיש־מאַש, אַ משונה'דיגער קאָפּעדעראַציע, אַ מין געמישעכץ פֿון מאַשלינקע מיט ברינדזע, אָהן פֿאַרב, אָהן צײַט, אָהן אַ גרעניץ, אָהן אַ ציעל, אָהן געדאַנק, אָהן לײַב און לעבען, כּדומה, װי אַ מעשׂה־בראשית־פּאָעמע.

דאָס איז געװען ניט קיין פֿינסטערניש, װאָרום פֿינסטערניש איז אַ קאָנטראַסט צו ליכטיגקײַט; עס איז געװען ניט קאַלט, װײַל קאַלט איז ניט װאַרעם און װאַרעם איז ניט קאַלט. משמעות עס איז געװען אַזוי — לעבליך; עס איז געװען ניט קלאָר, װײַל קלאָר איז ניט משוגע און משוגע איז ניט קלאָר און קלאָר איז ניט שװאַרץ און שװאַרץ איז אַ סאָיוזניק און אַ סאָיוזניק איז שכּור און שכּור איז ניט ניכטער...

הכלל, עס איז געוועזען — זאל איך אזוי וויסען פון בייז, אויב איך ווייס וואס עס איז געוועזען.

## ב.

און גאט האט געשלאפען.

ניין, ניט געשלאפען האט ער! אז מען שלאפט, חלומ'ט מען, און גאט האט ניט געחלומ'ט; אז מען שלאפט, בראפעט מען, און גאט האט ניט געבראפעט; און מאלע וואס נאך מען טהוט אין שלאף, און גאט האט עס ניט געטהון.

טא וואס־זשע פארט האט גאט געטהון? — גארנישט.

און אז עס איז ניטא וואס צו טהון, ערוועקט זיך א טעמפע ליידענשאפט צו שאפען פאעמעס, א מוטנע בענקעניש און א פלעגמטשעניש פון עפעס אונבעוואוסטעס, אונפערשטענדלי־בעס, אונבעמערקליכעס, פאנטאסטישעס און באבע־מעשות פון ששת ימי בראשית אן...

## ג.

און עס האט זיך געשאפט א שאפעלץ.

אומגעלומפערטע ברעקלעך, שטיקלעך, פיצלעך משוגעת'ן און ווערטער האבען זיך געטראגען, געשוואומען, געפלויגען הענדום־פענדום —

— צו וואָ־אָס?! — האבען די כאאסען געהאלדערט.

— מען פרעגט צו ווען?! — האבען די אייביגקייטען געפירכעט.

— האפ־טשיק־טשאק! — האט דער שאפונגס־געדאנק גע־הירזשעט.

נאר קיין בעדייטונג האט קיינער ניט געוואוסט; אפילו גאט אליין, וואס קיין סוד איז איהם ניט צו שווער, האט אויך ניט געוואוסט, וואס אזוינס איז בעהאלטען אין דעם מוטנעם פערוואלקענטנעם „האפ־טשיק־טשאק”; אפילו שלמה המלך, וואס האט געוואוסט, וואס אלע חיות, עופות, שרצים און דעקאדענ־טען רעדען, — וואלט אויך ניט פערשטאנען מאי דקאמרי־רעבעצין.

## ד.

און דער שאפונגס־געראנק איז געלאָפען, געלאָפען איבער ווי‍סטע פעלדער און פוסטע וועלדער, דאָרטען, וואו עס ענדיגען זיך אַלע ציפערען, לאָגיק, צייט, ׳אָרט און שכל הישר... ער איז געלאָפען און געמאַכט אַהין און אַהער, אַרום און אַרום, איבער זיך און אונטער זיך.

— לאַ‍ — שטאַ — די — ריי — לאָם! — האָבען די חאָאָס־אָבגרונדען געבורטשעט ווי פון בויך אַרויס.

— קודער — מודער — פודער! — האָבען געזאַאיקעט די פערבאָרגענע תהום׳ען.

— קאַזאַ—טשינאַ—באָם! — האָבען מיליאַרדען וועלטען אָבגעקלונגען.

— דאַוואַי פאַראָם! — האָט גאָט אַליין געמאַכט „אַ ויצעקו״.

## ה.

און די שאפונגס־פאַנטאַזיע איז געלאָפען. ווי אַ סקאָראָ־כאָד איז זי געלאָפען, ווי אַ פאָזשאַרניק אויף אַ שרפה, ווי אַ גאָראָדאָוואָי נאָך אַ גנב. און אייביגקייטען האָבען איהר ביי די פאָלעס געכאַפּט, און פוסטקייטען האָבען איהר זאַלץ אויפ׳ן עק געשאָטען, און זי איז אַלץ געלאָפען, פאָאַבריקעוועט, געהירזשעט, געמאַכט קאָזעלקעס און געהירזשעט:

— איך בין!...

— דו ביזט! — האָבען וועלטען אונטערגעכאַפּט

— וואָס בין איך?

— אַ גרויסער! — האָט דער מיש־מאַש געהילכט.

— אָ, יע, איך בין גרויס, אַלמעכטיג און לשער! פון כאַאָסען מאַך איך פאָטראַוועס; מיט גאָט בין איך אַ פּאַני בראַט! מיט אייביגקייטען בין איך חבר־לאַפּ! אָבגרונדען זענען מיינע לייבליכע חברים!... איך שאַף, און טהו, און מאַך, און לויף גאַלאָפּ, און קלאַפּ, און פייף. ... געהט אַ גאַנג —

און רוף מיך קנאַק־ניסעל!

# מאָמענט־פאָטאָגראַפיעס.

(נאָך מ. ספּעקטאָר).

א כאַראַקטעריסטיק פון שריפטשטעלער.

---

## ח. נ. ביאַליק.

פריהער פון אַלץ מוזט איהר וויסען זיין, אַז דער בע־ריהמטער פּאָעט ביאַליק איז אַ בלאָנדין און נישט קיין ברונעט.

ווען איהר זאָלט ביי מיר, למשל, פרעגען, וואָס איז ביאַליק? וואָלט איך גלייך געענטפערט, אַז ביאַליק איז אַ שרייבער! מען שמועסט זאָגאַר, אַז ער שרייבט העברעאיש אויך.

נאָר ס'אַ ליגען.

אַלס היימער יוד און נאַציאָנאַליסט טרינקט ביאַליק נור וויסאָצקי'ס טהיי 25 קאָפּיקעס אַנ'אַלטעל. ס'איז מעגליך, אַז נור דעם דאָזיגען טהיי האָבען מיר צו פערדאַנקען, וואָס די שאַפונג פון ח. נ. ביאַליק איז דורכגעדרונגען מיט אזא טיעפען נאַציאָ־נאַליסטישען גייסט.

---

## מענדעלי מוכר־ספרים.

צוערשט שרייבט ער אָן אַ שורה, דערנאָך נאָך אַ שורה, דערנאָך אַ דריטע שורה, אַ פיערטע, אַ פינפטע — אַזוי כסדר, ביז עס ווערט אַ ווערק.

אַזוי איז געווען אין זיין יוגענד און אַזוי איז אויך איצטער.

אום צו וויזען, אויף וויפיעל אונזער זיידע איז יודישליך און פאָלקסטימליך אין זיין שאַפען, איז גענוג אויפמערקזאַם צו

מאַלען, אַז ער שרײַבט דורכאויס פֿון רעכטס אויף לינקס און דערמיט צײכענט ער זיך אויס פֿון אַלע גוי'ישע שריפֿט־שטעלער.

און אַזוי ווי ער שרײַבט — פֿון רעכטס אויף לינקס, אַזוי מוזט איהר אויך זײַנע יוערק לעזען — פֿון רעכטס אויף לינקס. אַט דאָס הײסט בעהערשען דעם לעזער, אַז דער לעזער זאָל זײַן אונטערגעוואָרפֿען דעם ווילען פֿון מחבר.

## אחד־העם.

אַמאָל איז ער געווען יונגער, הײַנט איז ער שוין עלטער.

שרײַבען שרײַבט ער זעהר זעלטען. דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל אום עפּעס אָנצושרײַבען איז איהם וועניג צו האָבען אַ פֿען און טינט, ער מוז אויך האָבען פּאַפּיר.

אחד העם איז זעהר ערנסט און עהרליך צו זיך און צו אַלעמען; איבערהויפּט — צו דער טראַמוויי־קאָמפּאַניע. ווען, למשל, דער קאָנדוקטאָר זאָל פֿערגעסען צו נעהמען בײַ איהם דעם צעהנער, וועט ער דעם קאָנדוקטאָר אַליין דערמאָנען און דער־לאַנגען איהם וואָס איהם קומט.

אום די כאַראַקטעריסטיק פֿון דיי"ש גרויסען נאַציאָנאַלען פֿילאָזאָף זאָל זײַן פֿאָלקאָם, מוז איך בעמערקען, אַז אחד העם האָט קײנמאָל נישט געטראָגען קײן פּאַפּירענע קראַגענס.

## יעקב דינעזאָהן.

יעקב דינעזאָהן איז אײנער פֿון די שריפֿטשטעלער, וואָס איידער זיי געבען־אַוועק אַ ווערק צום דרוקען מוזען זיי דאָס ווערק פֿריהער אויפֿשרײַבען.

ווען דינעזאָהן זעצט זיך שרײַבען, נעהמט ער די פֿען אין האַנד, דערנאָך טונקט ער זי אײַן אין אַ טינטער מיט טינט, און אויב אין טינטער איז קײן טינט נישטאָ — שרײַבט זיך בײַ איהם נישט.

אזא טבע האָט ער.

און מערקווירדיגער פֿון אַלץ איז דאָס, וואָס ווען ער שרײַבט

מוז ער זיצען אויפ'ן שמוהל און שרייבען אויפ'ן טיש, און נישט פערקעהרט.

מיט דער שוויגער לעבט ער בשלום.

---

## ווי אַזוי איך אַליין שרייב.

זעצען זיך אַ הונגעריגער שרייבען — דאָס איז ביי מיר ניט שייך... צוערשט מוז איך אָבעסען און דוקא מיט אַפּעטיט, וואָרום אַז מען האָט נישט קיין אַפּעטיט, איז מען אַ חולה מסוכן, אַ קראַנקער מענש, אַ גוסס...

אַ מאָדנע טבע האָב איך, אַז ווען איך עס אָב, ווער איך אַזוי ווי פרעהליכער... און די שטימונג ווערט ביי מיר אַ גע־הויבענע און דאָס גיט שטענדיג צו מיינע ווערק דעם אמת'ן הומאָריסטישען טאָן.

קאָוועגעס האָב איך ליעב פון מאַלאַראַסיע.

# הײַאַוואַטהאַ.

אַן אינדיאַנישע פּאָעמע איבערזעצט פון ענגליש-אינדיאַניש אויף טערקיש-האָטענטאָטיש מיט יודישע בוכשטאַבען דורך יהואש.

## פּראָלאָג.

כ׳ונ׳ם לאַנד פון די אַבזשיבוויַים
מיעוועסהענטע און דעקאָטהאַם,
אויף די פּרײַרי-בערג, די רויטע,
בײַ דעם טהאָל פון טעוועסענטהע
איז געשטאַנען מאָדזשיקיווים,
אָנגעטהון אין וואָמפּאָם-גאַרטעל,
פעל פון רענטהירען און בערען,
פּיפּערנאָטערס, אָקון, ראַק-פיש,
גיזים, וועווערקע און סאַהווע,
הערמעלין און באָברע-פּעלצען
און אָנגעפילט די שלום-לולקע
פון אַ גרויסען אַטער-בײַטעל
מיט טיטון פון דרום-לענדער
דורכגעמישט מיט ווערבע-שאָלעכץ
און געראויכערט און געזונגען
הויך דאָס ליעד פון הײַאַוואַטהאַ.

---

## דאָס געיעג אויף פּאַק-פּאָק-קיווים.

כעם געפיהלט האָט הײַאַוואַטהאַ
אויף דעם חיטרען פּאָק-פּאָק-קיווים
פאַר דער טערקיש-איבערזעצונג,

וואס ער האט איהם צוקאליעטשעט,
א, דאס ליעד פון הייאוואטהא,
און געכאפט האט ער מיט ליטראסט
אלע שווערע ווערטער-פלעקער
און צושפאלטען איהם דעם מוח
און גערופען: דו פארטאטשי
ווייס, אז איך בין הייאוואטהא!

# אינטערוויו.

פון ראובן ברייני.

## ביי איבסעןען.

אַרויסגעהענדיג פון וואַגאָן צווייטער קלאַס (אַז איך פאָהר, פאָהר איך נור צווייטער קלאַס), האָב איך גענומען אַ קאַרעטע און געלאָזען זיך פאָהרען.

די צוויי פערד (אַז איך פאָהר, פאָהר איך נור אויף אַ פּאָר פערד) איינגעשפּאַנט אין אַ וועגעל אויף פיער קוילעלדיגע רעדער האָבען מיך געפיהרט אין דער ריכטונג וואו עס וואוינט דער גרויסער פילאָזאָף, שריפטשטעלער, דענקער און פּסיכאָלאָג פון דער לעצטער צייט.

פאַר מיינע אויגען האָט געשוועבט די ברייטע פלייצע פון איזוואָשציק מיט דעם נומער 8789. אַ גרויסער נומער — האָב איך געטראַכט — זענען דאָ אַזוי פיעל איזוואָשציקעס? — איך בין געוואָרען פילאָזאָפיש געשטימט.

— איז עפּעס טהייער האָבער? — האָב איך געפרעגט דעם איזוואָזשציק.

— טהייער — האָט ער געענטפערט.

איך האָב גלייך אַרויסגענומען מיין לעדערנעם טאַשען-ביכעל און פערצייכענט דעם טיעפזיניגען, שאַרפען, נאַאיווען און אָפּגעהערציגען ענטפער פון אַנ׳אמת׳ען פאָלקס-קינד.

אָט זענען מיר שוין בייַ׳ם גאַניק.

איך נעהם אַרויס אַ הויפען גילדענע מטבעות און דערלאַנג איהם — זיבען קופּערנע צעהנערס.

— וואָס פערלאַנגט איהר? — האָט דער גרויסער דיכטער

געפרעגט, אבשטעלענדיג מיך אויפ'ן שוועל פון צימער...

איך האב זיך א נייג געטהון און געענטפערט:

איך: דאס יודישע פאלק, גאנץ רוסלאנד, די פרעסע, די גאנצע וועלט ווארט מיט אונגעדולד אויף מיין אינטערוויו מיט אייך. איך האב שוין געזעהן די גרעסטע גדולים פון היינטיגער צייט. מיט ווילהעלם דעם צווייטען בין איך אין איין טעאטער געזעסען, פאר קאאוטסקי'ן האב איך די היטעל אראבגענומען, סטרינדבערג'ן האב איך אמאל אויף א מאזאל ארויפגעטרעטען. פילע האבען געהאט די עהרע פון מיר אינטערוויואירט צו ווערען און מיט מיר אינאיינעם פאטאגראפירט צו זיין.

ער שווייגט.

איך: איך בין מיר זיך שטענדיג נוהג אין א אינטערוויו ארויסצוזאגען און טיילען זיך מיט מיינע מיינונגען, איבערצייגונגען, עמפפינדונגען און געשמעקע איבער ליטעראטור, קונסט, פאעזי און שענהייט... מיט מיינע געשפרעכען האב איך זייער נשמה בעוועגט, זייער הארץ געריהרט, זייער גייסט געפרוכפערט און זייערע געדאנקען רעוואלוציאניזירט, זייערע געפיהלען סימפאטיען און אנטיפאטיען געשמידעט.

ער שווייגט.

איך: זאגט מיר, איך בעט אייך, האט איהר ווען געפלויגען אויף אנ'אעראפלאן?

ער שווייגט.

איך: האט איהר ליעב געפרוירענע פעטשא?

ער שווייגט.

און נאך און נאך האב איך גערעדט און ער האט געשוויגען מיט הארץ, מיט זין, מיט טעמפעראמענט און אזוי אינטערעסאנט, אזוי אינטערעסאנט... ער האט געווארפען אונרוהיגע בליקען, דאס אויף מיר, דאס אויף דער טהיר, קענטיג מורא־האבענדיג איך זאל ניט אוועקגעהן און איבערלאזען איהם אין רעכטען מיטען.

אמענדע האט דער גרויסער דיכטער מיך איבערגעשלאגען און א פרעג געטהון:

— איך פרעג אייך, וואס דרעהט איהר מיר א ספאדעק, וואס?

און די טהיר האָט זיך פֿערקלאַפּט פֿאַר מײַן נאָז.

זײַנע פֿאָר האַרציגע ווערטער האָבען מיך געפֿאַנגען. איך מוז אויף איהם נאָך אַמאָל אַקוק טהון. עס מעג מיר קאָסטען מי יודע וויפֿיעל... אַהאַ!... איך האָב שוין!... אָט אין דעם שליסעל־לאָך!...

און מיט איין אויגעל האָב איך אַרײַנגעקוקט.

דער שעפֿפֿער פֿון „נאָראַ" איז אומגעגאַנגען צוטראָגען איבער'ן צימער און האַסטיג געשפּײַט. געווען, קענטיג, אין טיפֿע מחשבות פֿערטיעפֿט. זײַן ליכטיגער שטערען האָט זיך געקנײטשט אונטער דעם לאַסט פֿון ריזיגע געדאַנקען. ווער ווייס, וואָס פֿאַר אַפּראָבלעמען עס האָבען זיך געוועבט אין דיזען געניאַלען מוח.

ענדליך האָב איך דורכ'ן שליסעל־לאָך דערהערט זײַן געטליכע שטימע:

— האַנסען! — האָט ער זיך צו זײַן לאַקיי געווענדעט — גיב קאָרשט אַכטונג אין קאָרידאָר אויף די מאַנטלען!

מיט גרויס בעגײַסטערונג האָב איך זיך געלאָזען פֿון די טרעפּ אַראָב.

— — — — — — — — — — — — — — —

און קיינמאָל, קיינמאָל וועל איך ניט פֿערגעסען די הערליכע מינוטען, וואָס איך האָב פֿערבראַכט מיט דעם גרויסע שריפֿטשטעלער און דראַמאַטורג. זײַנע אײנפֿאַכע האַרציגע ווערטער זענען ווי אַפֿריהלינג־רעגען געפֿאַלען אויף מײַן האַרץ, וואָס דורשט נאָך בילדונג, קולטור און אינטערוויו'ס.

# וויסענשאַפטליכעס.

## ציבעלע.

(אַ קאַפּיטעל פּאָפּולערע וויסענשאַפט, נאָך ב. פּײַנעגבוים).

### די פילאָלאָגיע.

ציבעלע הײַסט אויף רוסיש ציבוליאַ, אויף פּויליש — פשעציבוליאַגאָ, אויף פראַנצויזיש — ציבוליאַן, אויף דײַטש — צאַבאַליאַ, אויף איטאַליעניש — ציבוליאַטאָ, אויף לאַטײַניש — ציבוליראַטוס, אויף היספּאַניש — ציבוליקאַדאָראָ, אויף כינעזיש — ציבו-לי-כו-שינ-שאַן, אויף האָטענטאָטיש — ציבולי-דו-דו, אויף בושמעניש — ציבולידריפּאָ, אויף אַ־אַמיש — ציבעלותאָ, אויף ציגײַנער-לשון — ציבעלעקוטשע-מעטשאַ...

### די וויסענשאַפט.

ציבעלע איז אַ מין סאָרט געוויקס — זאָגען די פראַנצויזישע געלעהרטע — וואָס וואַקסט פון דער ערד און דוקא אין זומער. און דוקא אין אַ גאָרטען, וואָס האָט אַ געפלאָכטענעם פלויט. און טאָמער האָט דער גאָרטען קיין געפלאָכטענעם פלויט, וואַקסט עס אָהן דעם אויך. די דײַטשע געלעהרטע זענען מיט זיי מסכים. עס וואַקסט אין אַלערלײַ גרויס. אַ גרויסע ציבעלע הײַסט: ציבעלע. אַ קלײַנע ציבעלע הײַסט: ציבעלקע. און נאָך אַ קלענערע הײַסט: ציבולקעלע. און נאָך אַ קלענערע הײַסט: קלײַנינקע אָדער מאָנטשינקע ציבולקעלע.

## די נוצען.

עסען עסט מען ציבעלע מיט רעטאַך, מיט שמאַלץ, מיט אייער, מיט אוגערקעס און מיט לעבערלעך. נאָר אַז מען וויל, קען מען די אַלע זאַכען עסען אָהן ציבעלע.

געשמאַק איז ציבעלע ניט ווי אַנאַנאַס, למשל, און דער ריח פון אַציבעלע איז ניט ווי דער ריח ־ן אַפּעלסינען, אָדער אתרוגים, פונדעסטוועגען עסען דאָס יודען צו די סדרים, נאָר ־ונטער אַנ'אַנדערען נאָמען: „פּעטרישקע". זיי שניידען דאָס טאָלערוויים און טונקען איז זאַלץ־וואַסער און מאַכען דערביי ניט „שהחינו", ווי למשל אום ראש־השנה צו די ווייַנטרויבען.

---

## פילאָזאָפיע און מעטאַפיזיק.

אַמאָדנע פערבאָרגענע קראַפט פערמאָגט אַציבעלע דערמיט, וואָס זי רופט־אַרויס מענשליכע טרעהרען. דיזע ערשיינונג איז נאָך ביז צו הייַנטיגען טאָג איינע פון די גרעסטע און טיעפסטע נאַטור־סודות, וואָס דער מענשליכער פערשטאַנד איז ניט ביכולת צו בעגרייפען. דער כעמישער אַנאַליז האָט בעוויזען, אַז די טרעהרען, וואָס אַציבעלע רופט אַרויס, און די טרעה־ען פון אַפרוי, ווען זי פערלאַנגט אַנייעם הוט, און די טרעהרען, וואָס ווערען אַרויסגערופען ביי אונזערען אַטראַגיקאָמישען פורים־שפּיעל, — זענען פון איין און דעמזעלבען סאָרט און דעריבער רופט מען זיי אַלע — ציבעלע־טרעהרען.

# דאס געלעכטער.

(א וויסענשאפטליכע אבהאנדלונג געהאלטען פון ד"ר מוקדוני ויעגען „וועקס און דרייסיג-ערליי סארטען געלעכטער").

מיין היינטיגע לעקציע וועט זיין — א געלעכטער. דאס קען איך אייך פערזיכערן. און אפשר וועט מיין לעקציע זיין — אנ'אומעט... ווער ווייס? נאר איך וועל מיך אבער זעהן שטרענג האלטען אין די ראמקעס פון געלעכטער.

די קלאסיפיקאציע פון געלעכטער איז איינע פון די שווערסטע און קלאציגסטע אויפגאבען ביי אלע געלעהרטע, דאך זענען אלע מסכים, אז דאס הויפט-טיילונג פון געלעכטער איז אויף זייט-געלעכטער און בויך-געלעכטער, ד. ה. אזא געלעכטער, וואס קומט פון זייט, און א געלעכטער, וואס קומט פון בויך. און דאריבער זאגען אנדערע: „געבליבען אהן זייטען לאכענדיג" און אנדערע: „געבליבען אהן א בויך לאכענדיג".

ווייטער ווערט דאס געלעכטער איינגעטיילט אין פאלגענדע קאטעגאריען:

1) ארכעאלאגישער אדער היסטארישער געלעכטער („איך לאך פון דיין באבען").

2) פיזיאלאגישער געלעכטער („א געלעכטער אן א זייט").

3) אנאטאמישער געלעכטער („א געלעכטער דיר אין פופיק").

4) זאאלאגישער געלעכטער („לאכען מיט יאסצשערקעס").

5) מינעראלאגישער געלעכטער („לאכען מיט קרעמעניש".

דאס זענען אלץ פיזישע אדער מאטעריאליסטישע געלעכטערס. פאראן אבער א העכערער סארט געלעכטער, ווען למשל

מען קיצעלט אין פיאטע. דאס איז שוין א גייסטיגער, א אידיאליסטישער געלעכטער.

קומען קומט דאס געלעכטער (לויט מאנטעגאץ און ספענסער) פון אונערווארטונג. אזוי, למשל, ווען איך זאל יעצט אין מיטען מיין דרשה חאפען די אפאפליעקסיע אדער איך זאל אנשטומט ווערען, וואלט געווארען א געלעכטער. אזא געלעכטער קומט פון שמחה... נאר דאס איז שוין אבער א גראבער געלעכטער, א קלאציגער געלעכטער, און אזא געלעכטער רופט מען „געליענדער"... אדער מיט בלוט זאלט איהר לאכען...